בס"ד / שנה ו' / פרשת ראה / נומער 324

# כלעטל



## שישו ושמחו בשמחת התורה

פרייליכע הכנסת ספר תורה קומט פאר דעם שבת אין שטעטל, ווערט אריינגעגעבן דורך דעם **ראש ישיבה שליט"א**


**א רעוואלוציע פון הפצה אין בני ברק**
היכל הקודש נייעס

**רייס אויף דעם בארכע**
ישראל דוד העסקעל

**אז דו ווערסט אנהייבן ווערסטו ענדיגן**
משה ארי' שניצלער

**מוסדות 'נקודות טובות' ברסלב ליבערטי**
אברהם משה שטראססער




**אשר היה אל יואל**

כ"ו אב יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע

## אשריכם אנשי חיל

געהאלפן אונזערע דורות צום נייטן יאר

לעבנסגעשיכטע

בס"ד

ראה
תשפ"ו

**נומער**
**324**
שנה ו'


| | |
|---|---|
| **04** | עירנו |
| **06** | היכל הקודש נייעס |
| **08** | אלץ און אלעמען |
| **10** | וועלטליכע נייעס |
| **12** | א ווארט צווי |
| **14** | צום פינטל |
| **16** | א בריוו פון ר"ו |
| **20** | א מעשה פון א צדיק |
| **22** | היכל הלכה |
| **26** | געדאנקען |
| **35** | א בליק אויף צוריק |
| **36** | געשעענישן |


















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.


בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

בעזהשי״ת

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה״ב

# רענט קאמפיין

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

## מו״ה הרוצה בעילום שמו הי״ו

## מו״ה הרוצה בעילום שמו הי״ו

## מו״ה משה יחיאל פעלדמאן הי״ו

פארן מנדב זיין

## פרנס החודש אב

lemonade
SUPERMARKET

די זכות פון ארויסהעלפן דעם היילינ'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך
בייששטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע
יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

*sruliHeskel

# עירנו

## געשלאסן ב"ה מקח אויפן נייעם בנין המוסדות

געלויבט דעם אייבערשטן, פארגאנגענע וואך האט מען ענדליך געקלאוזט אויפן נייעם בנין המוסדות וואס געפינט זיך אויף אקעדעמי סטריט, נעבן די עקזיסטירנדע בניני המוסדות.

ווי אלע האבן מיטגעהאלטן, איז פארגעקומען א "בארגן קאמפיין" מיט בערך א חודש צוריק, וואו מען האט געדארפט שאפן הלוואות פון 2 מיליאן דאלער כדי צו קענען קויפן דעם נייעם בנין.

ברוך השם אז אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארעם אנגערופן, און מיט כח הרבים האט מען באוויזן צוזאמצושטעלן דעם גאנצן סכום פון 2 מיליאן דאלער וואס האט זיך אויסגעפעלט צו קענען קלאוזן.

ספעציעל קומט זיך א גרויסן יישר כח פאר מו"ה אהרן פיש הי"ו, וואס האט זיך אונטערגענומען דעם פראיעקט און געזארגט אז עס זאל צושטאנד קומען, נאכדעם וואס מען האט שוין געהאט דעם גאנצן סכום, האבן אנשי שלומינו געווארט צו הערן אפדעיטס אז מען האט שוין געקלאוזט.

למעשה האט זיך עס געשלעפט מצד דעם פארקויפער, וואס האט געדארפט מסדר זיין און פאררעכטן פארשידענע זאכן.

כאטש מיר האבן שוין געוואלט מעלדן איבער די פארשפעטיגונג דא אינעם "עירינו" קאלום, האט עס כסדר אויסגעזען ווי מען גייט שוין אט אט קלאוזן, און אז ביז די צייט וואס דאס בלעטל וועט ארויסקומען וועט מען שוין זיין נאכדעם.

צוליב דעם איז טאקע וויכטיג צו וויסן, אז מען קען הערן יעדע זונטאג א שמועס מיטן חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו אויפן "הנהלה אפדעיטס" קנעפל אויף קול ברסלב, וואס אין אזא פאל איז עס טאקע געווען מער אפדעיטעד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען ניצן דעם בנין מחנך צו זיין אונזערע קינדער מיט אמונה פשוטה.

## ברסלב'ע שחיטה

געלויבט דעם אייבערשטן אז די ברסלב'ע שחיטה גייט שוין אן פאר א שיינע שטיק צייט דורך די צוויי ברסלב'ע שוחטים מו"ה רפאל פורסט הי"ו און מו"ה שלמה רוטה שליט"א, וואו אנשי שלומינו האבן די געלעגנהייט צו באקומען פלייש געשאכטן דורך ערליכע שוחטים וואס גייען אין מקוה יעדע מאל פארן שעכטן און זענען זיך מתבודד בשעתן שעכטן.

יעצט איז ברוך השם אריינגעקומען די נייעס אז מען גייט צולייגן אויך פרענקס און סאלאמי; דאס קומט נאכדעם וואס ביז יעצט האט מען שוין געקענט באקומען אלע אנדערע סארט קאטס, וואס רעכנט אריין: טשיקן באטעמס, קאטלעטס, נאגעטס, פינגערס, גראונד טשיקן, דראמסטיקס, דארק קאטלעטס, דארק סטו, דארק גראונד, פליגלען,ביינער, גיזערדס און לעבער.

מען קען באשטעלן אן ארדער ביי מו"ה דוד ניישטיין הי"ו אויף 718-612-5443 און עס באקומען דעליווערד.

מען קען באצאלן אויף סיי וועלכן אופן.

ניימס'לעך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

טויבאוט ווארטער



מען פאררעכט די לייטס ביים האשקי שארטקאט

## פרשת ראה
## כ"ה אב

הדלקת הנרות .. 07:51

מוצאי שבת ...... 09:20

**מנחה**

**מעריב**

פרשת שופטים
08:58

**מאנים לשבת קודש**

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די
חשוב'ע משפחה

# מו"ה אלימלך
# גראסמאן הי"ו

וזוגתו ריזל תחי'

וואס האבן זיך אהערגעצויגן אין

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב
טוב, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם,
און קענען דא אויפציען די קינדער אויף די וועגן
פונעם הייליגן רבי'ן.

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די
חשוב'ע משפחה

# מו"ה אברהם יודא
# לעזער הי"ו

וזוגתו גאלדא רבקה תחי'

וואס האבן זיך אהערגעצויגן אין

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב
טוב, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם,
און קענען דא אויפציען די קינדער אויף די וועגן
פונעם הייליגן רבי'ן.

# היכל הקודש נייעס



## באזוך פון הרה"ח ר' הערשל הירש שליט"א אין ת"ת היכל הקודש קרית יואל

דער הייליגער רבי דערציילט אין די "סיפורי מעשיות" איבער אַ בעטלער וואָס האָט אויסגעזען ווי ער האָט נישט קיין פיס. מענטשן האָבן געמיינט אז ער איז אַ קאַליקער, אָבער באמת האָט ער פאַרמאָגט די שענסטע פיס; ער איז נישט בלויז אָנגעגאַנגען אין לעבן, נאָר ער איז אָנגעקומען איבעראל וואו ער האָט נאָר געוואָלט.

פארגאנגענעם דאָנערשטאָג פרשת דברים, האָבן די קינדערלעך אין ברסלב'ער חדר געהאַט די זכיה צו זען דעם "בעטלער אָן די פיס", ווען זיי האָבן אויפגענומען דעם בעל מסירות נפש, הרה"ח ר' הערשל הירש שליט"א.

דער אייבערשטער האָט אויספרובירט ר' הערשל מיט אַ גאָר שווערן נסיון, וואָס מיר ווינטשן נישט פאר קיינעם. אַלס חתן איז ער אַריבער א שרעקליכן עקסידענט, ווען אַ קאַר האָט אים מיטגעשלעפט און ער האָט נעבעך פארלוירן ביידע פיס. מען האט אפגעלאזט זיין ערשטע שידוך, אָבער זיין אמונה איז געבליבן גאַנץ. היינט צו טאָגס איז ער א איד מלא שמחה; ער טאַנצט, און שפרינגט פאר פרייד, און ער מאַכט פרייליך יעדן איינעם וואָס באַגעגנט אים.

ר' הערשל האט דערציילט פאַר די קינדער אין חדר וויאזוי ער דערקוויקט זיך כסדר מיט די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א דורכ'ן טעלעפאן. טראָץ וואָס ער קען נישט ארויפגיין די טרעפּ ביי 27 סקילמאַן און איז דאָרט פיזיש קיינמאָל נישט געווען, איז ער באמת אַ תלמיד הישיבה מיט'ן גאנצן הארץ און נשמה, און ער לעבט מיט די שיעורים אפשר נאך מער פון אַנדערע מענטשן וואָס פאַרמאָגן צוויי געזונטע פיס.

ר' הערשל האָט אנגעווארימט די קינדער מיט דיבורי אמונה, נאָכזאָגנדיג א וואָרט פונעם ראש ישיבה בשם דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש: "מען קען נאָר שטראָפן אַ מענטש אויב מען נעמט צו פון אים די אמונה. ווייל ווען אַ מענטש לעבט מיט אמונה, נעמט ער אָן אַלץ באהבה, דעריבער קען מען אים קיינמאָל נישט שטראָפן." פילע קינדער האבן זיך געווישט די אויגן הערנדיג די ווערטער פון אזא איד, שפּירנדיג אַ געוואַלדיגע דאַנקבאַרקייט צום אייבערשטן אויף די געזונטע פיס וואס זיי האבן.

קוקנדיג אויף ר' הערשל, האָבן די קינדער געזען אַ לעבעדיגן מוסר ספר. צומאל מאַכט זיך אַז מענטשן מיט געזונטע פיס זיצן אין אַ "ווילטשער" - מען בלאָזט, מען רעגט זיך אויף קלייניגקייטן, און מען האָט טענות צום אייבערשטן. דאָ האָט מען געזען אַז די עכטע פיס פון אַ איד איז זיין אמונה און בטחון; דאָס איז דער מאָטאָר וואָס טראָגט אונז איבעראל וואו מיר דארפן. מיט אמונה קענען מיר דורכגיין און איבערקומען יעדע מניעה און בלייבן רואיג און פרייליך, פּונקט ווי דער בעטלער פון סיפורי מעשיות.

דער שיינער מעמד האָט זיך געענדיגט ווען די קינדער האָבן געזונגען פאר ר' הערשל די שיינע חדר ניגונים - ניגונים וואָס ברענגען אַרויס די שמחה פון לעבן מיט'ן אייבערשטן און פון טון מצוות ומעשים טובים.

אַלע קינדער האָבן זיך אָפּגעלערנט פון ר' הערשל אַז מען זאָל זיין דאַנקבאַר פאר'ן אייבערשטן פאר אלעס וואָס מען האָט, און מען זאָל זיין צופרידן אפילו ווען מען האָט נישט אלעס וואָס מען וויל.

**גרשון קרעמער**



# א רעוואלוציע פון הפצה אין בני ברק

אין בני ברק ברענט א פייער פון הפצה; יעדן טאג ווערן דארט געדרוקט טויזנטער גליונות און קונטרסים. לאמיר כאפן א שפאציר אינעם בית הדפוס פון ר' נתנאל (נתי) לב, און זען פון נאנט וואס דארט טוט זיך אפ.

די מעשה פון ר' נתי האט זיך אנגעהויבן בערך זיבן יאר צוריק, אין יענע שווערע צייטן ווען דער קאראנע ווירוס האט געבושעוועט רח"ל. ר' נתי איז דעמאלטס נתקרב געווארן, אבער ער האט גאנץ שנעל באמערקט אז די אלע זיסע און געשמאקע קונטרסים און גליונות וואס זענען פול מיט חיזוק, קומען קוים אן קיין בני ברק. אויסער א גאר קליינע צאל גליונות פון ירושלים וואס פלעגן אנקומען ערב שבת ממש פארן זמן, איז דער גאנצער עולם געבליבן דורשטיג און הונגעריג נאך א ווארט חיזוק.

די זאך האט אים געברענט מיט אן אש קודש, אבער ער איז נישט געבליבן בלויז ביים ברענען; ער האט גענומען שריט און געקויפט א קליינע קאפי מאשין, און עס אראפגעשטעלט ביי זיך אינדערהיים אינמיטן דיינינג רום. ווען דער ראש ישיבה האט געזען א בילד פון דעם מאשין, האט ער עס מורא'דיג באוואונדערט. אבער די ארבעט איז נישט געווען קיין גרינגע. ר' נתי, וועלכער שפילט מוזיק ביי שמחות ביז שפעט ביינאכט, פלעגט נאכן אהיימקומען פון א חתונה צוויי אזייגער פארטאגס זיך גלייך זעצן צום מאשין; ער האט געדרוקט און צוגעגרייט זעקעלעך פאר די מפיצים ביז אינדערפרי ווען ער איז געגאנגען דאווענען שחרית. אזוי איז עס אנגעגאנגען זומער און ווינטער מיט אלע שוועריגקייטן, אבער די גאנצע אפעראציע האט זיך נישט אפגעשטעלט פאר קיין איין מינוט.

די נאכפרעגע איז אבער געוואקסן אלס מער און מער, און ווען ער האט געמופט האט ער אריבערגעפירט די מאשין אין א באזונדערן צימער, אבער ס'האט נישט געהאט קיין פענסטערס אדער קיין עיר קאנדישן. די מאשין פלעגט ווערן כסדר איבערגעהיצט און פלעגט זיך אפט צוברעכן. ווען דער מעכאניקער האט געלאזט וויסן אז מ'מוז טרעפן א נייע פלאץ, האט דער אייבערשטער געהאלפן מיט א מורא'דיגע השגחה פרטית.

דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז מ'האט געפונען א סטארעדזש רום אונטער א לאקאלע גראסערי, און פונקט דעמאלט האט זיך אנגערופן א נדבן פון אמעריקע וועלכער האט איינגעקויפט גרויסע פראפעסיאנאלע דרוק-מאשינען פארן בית הדפוס. אין זיין זכות ארבעטן דארט היינט צוטאגס זיבן מאשינען וואס פראדוצירן צענדליגער טויזנטער גליונות און קונטרסים יעדע וואך. איבער אכציג מפיצים פארשפרייטן די גליונות קיין חיפה, יבניאל, אלעד און איבער גאנץ ארץ ישראל, בשעת א געטרייע שטאב פון מפיצים געבן אוועק פון זייער טייערע צייט צו שניידן און פאקן די ספרים.

ווען מיר הערן וואס ר' נתי דערציילט, וועקט עס אונז אויף צו טון למעשה. יעדער איינער קען האבן א חלק אין הפצה, מען דארף נאר האלטן די אויגן אפן; למשל, איינער קען נעמען קונטרסים און ארומגיין בפועל מפיץ זיין פון טיר צו טיר, א צווייטער קען פרעגן א מפיץ צי מען קען אים אפשר דרייוון, אדער קען מען העלפן שלעפן און פאקן ספרים, און נאך פארשידענע אופנים וויאזוי ארויסצוהעלפן.

# אלץ און אלעמען



## וויאזוי קען מען וואקסן הויך?

**שאלה**

א גוטן ר' גרשון,

אסאך מאל סטרעטש איך מיך, איך ציה מיך אויס די ביינער, און איך טראכט אז עס העלפט מיר וואקסן, איז דאס ריכטיג?

נתן ק.

**ענטפער**

א גוטן טייערער נתן.

דו זעעסט מיר אויס צו זיין א קינד וואס וויל פארשטיין צי דאס וואס מען "סטרעטשט" זיך ווען מען איז מיד, קען מאכן אז די ביינער זאלן זיך אויסציען און מען זאל ווערן פיזיש העכער.

דאס איז א זייער אינטערעסאנטע שאלה וואס אסאך קינדער טראכטן.

דער קורצער ענטפער דערויף איז: ניין. זיך אויסציען אדער "סטרעטשן" די מוסקלען העלפט נישט א מענטש צו וואקסן.

דער אייבערשטער האט שוין באשטימט אונזער הויך און עס אפגעשריבן אינעם "גענעטיקס" בוך וואס ליגט שוין אין יעדן צעל פון די מינוט וואס מיר ווערן געבוירן. עס איז נישט אלעס - עס איז וויכטיג צו פירן א געזונטע לעבנסשטייגער, עסן געזונט, און שלאפן גענוג אין די יונגע יארן כדי מען זאל קענען וואקסן. אבער די ביינער וואקסן נאר ביז מען ווערט ערוואקסן, און וויפיל מען זאל זיך נאר נישט "סטרעטשן", קען מען די ביינער נישט אויסציען און מען קען בדרך הטבע נישט טוישן די הויך פון א מענטש.

דאס איז די "נאטור", אבער עס זענען דא זאכן וואס זענען שטארקער פון דער טבע, למשל תפילה. דער אייבערשטער קען דאך אלעס.

מוהרא"ש פלעגט דערציילן אז דער הייליגער צדיק, דער בעל "באר מים חיים" זכותו יגן עלינו, איז געווען זייער פרייליך שבת און ער האט געטאנצן א גאנצן שבת. עס האט אויסגעזען ווי ער איז מיט א קאפ העכער צוליב דעם וואס ער איז געווען טאנצעדיג א גאנצן שבת, און אזוי פירן זיך אנשי שלומינו אז מען טאנצט שבת.

אבער פשוט זיך אויסצוציען די ביינער איז אויך א גוטע זאך. ווען מען שפירט זיך מיד אדער מען זיצט שוין א לאנגע צייט אין חדר, קענען די מוסקלען ווערן אביסל צוזאמגעצויגן. דאס אויסציען די ביינער קען העלפן זיך אויפרישן; עס פארבעסערט די בלוט צירקולאציע און הייבט דעם מענטש'ס שטימונג. אויך ווען א מענטש גייט נישט אראפגעבויגן זעט ער אויס העכער, כאטש ער איז נישט באמת געוואקסן.

**ותגביה קרננו למעלה**

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער
alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447




## קארדבארד

### שאלה

איך וויל פארשטיין וויאזוי מען מאכט פאפענדעקל; עס באשטייט דאך פון נישט מער ווי עטליכע דינע פאפירן וואס זענען צונויפגעשטעלט, און פלוצלינג ווערט עס אזוי הארט אז מען קען מאכן דערפון באקסעס וואס קענען האלטן דערין שווערע ספרים.

אליעזר שלמה טייטלבוים, קרית יואל

### ענטפער

זייער א שיינע שאלה האסטו געפרעגט, אליעזר שלמה'לע. צוערשט לאמיר קלאר מאכן פאר אונזערע ליינער וואס ווייסן נישט וואס "פאפענדעקל" מיינט: פאפענדעקל איז דאס אידישעווארט פאר "קארדבארד".

יעצט צו דיין שאלה. עס איז באמת א געוואלדיגער וואונדער; עס איז פשוט פאר יעדעם אז א דינער שטיקל פאפיר קען מען גרינג איינבייגן און צערייסן, אבער ווען מען שטעלט עס צוזאם אויף א געוויסן אופן, ווערט עס פארוואנדלט אין א שטארקע קארדבארד וואס קען אויסהאלטן שווערע הונדערטער פונט.

דער תירוץ ליגט נישט אינעם פאפיר אליין, נאר אינעם אופן וויאזוי עס איז צוזאמגעשטעלט און באהאפטן.

רוב קארדבארדס באשטייען פון דריי שיכטן. די צוויי דרויסנדיגע שיכטן זענען גלאטע, דינע פאפירן (באקאנט אלס "ליינערס"), אבער די מיטעלסטע שיכט איז נישט גראד, נאר עס באשטייט פון "כוואליעס" - געדרייעטע פאפירן וואס פארן נאכאנאנד ארויף און אראפ.

דאס איז דער יסוד. ווער עס האט שוין אמאל עוסק געווען אין אינזשענירינג ווייסט, אז א "בויגן" (ארטש) איז איינע פון די שטארקסטע פארעמס צו האלטן א שווערע וואג. (איידער מען האט געוויסט וויאזוי צו בויען שטארקע בנינים פון אייזן און צעמענט, פלעגט מען על פי רוב נוצן דעם בויגן-מעטאד; רוב אלטע בתי מדרשים און בריקן באשטייען פון בויגן-פארעמס). ווען מען לייגט אריין א שווערע וואג אינעם באקס, צעטיילט זיך דער דרוק גלייך איבער אלע קליינע כוואליעס און בויגנס, און אזוי קען עס טראגן גאר אסאך.

כדי די כוואליעס זאלן זיך האלטן, ווערן זיי צוגעקלעפט צו די צוויי דרויסנדע שיכטן פאפיר מיט גאר שטארקע קלעב, וואס דאס פארמירט א דיקע סטרוקטור וואס לאזט נישט די פאפירן אזוי גרינג איינפאלן אדער זיך בייגן.

דער באקס דערמאנט אונז אבער עפעס וויכטיג: ווען מיר שטייען גראד און מיר פארגעסן ווער מיר זענען באמת, זענען מיר גארנישט. מיר זענען ווי א גלאט שטיקל פאפיר וואס מען קען צורייסן מיט א בלאז, און יעדע זאך קען אונז צוברעכן.

אבער דער צדיק גיט אונז אן עצה: לאמיר זיך צוזאמענעמען מיט גוטע און ערליכע חברים וואס האבן איין ציל - מיר ווילן אלע ווערן נענטער צום אייבערשטן און טרעפן א וועג וויאזוי מיר קענען ווערן בעסערע אידן. צוזאמען בייגן מיר זיך איין פארן אייבערשטן .

# וועלטלע



## טראָמפּ אַקאַונט!
## וואָס איז דאָס?

עס טוט זיך אין די נייעס איבער די נייע "טראָמפּ אַקאַונטס" פּראָגראַם וואָס האָט זיך לעצטנס געעפנט, און עס ציט אַ שטאַרקן אינטערעס איבער גאַנץ אַמעריקע. די רעגירונג זוכט צו מוטיגן עלטערן צו בויען אַ פינאַנציעלן יסוד פאַר זייערע קינדער, און געבט צוליב דעם אַ ספּעציעלן אינוועסטירונג-אַקאַונט פון וואָס די קינדער וועלן קענען געניסן יאָרן שפּעטער.

לויט די אָפיציעלע אָנווייזונגען, וועלן קינדער וואָס זענען געבוירן צווישן די יאָרן 2025 און 2028 למספרם זיין באַרעכטיגט צו באַקומען אַן איינמאָליגע רעגירונג-ביישטייערונג פון $1,000 דירעקט אין זייער טראָמפּ אַקאַונט.

אין צוגאָב צו דעם, האָט דער באַקאַנטער ביזנעסמאַן מייקל דעל צוגעזאָגט אַ נדבה פון 6.25 ביליאָן דאָלאַר, וואָס וועט אַריינלייגן $250 אין די ערשטע 25 מיליאָן טראָמפּ אַקאַונטס פאַר קינדער וואָס זענען איצט אינגער פון צען יאָר, אפילו אויב זיי זענען נישט באַרעכטיגט פאַר דער אויבנדערמאנטער טויזנט-דאָלאַר רעגירונגס-ביישטייערונג.

כדי צו זיין באַרעכטיגט פאַר די $250, דאַרף דאָס קינד זיין צען יאָר אַלט אָדער אינגער, האָבן אַן אָפענעם טראָמפּ אַקאַונט אויף זיין נאָמען, און וואוינען אין אַ זיפּ-קאָוד וואו די דורכשניטליכע יערליכע איינקונפט איז אונטער $150,000. (מיר האבן נאכגעקוקט, און געזען אז רוב שטעט ווי היימישע אידן וואוינען זענען אין בארעכטיגטע זיפ קאודס).

לויט אַנאַליסטן טוט די רעגירונג דאָס מיט'ן ציל אַריינצוברענגען אין די בירגער דעם געדאַנק פון אינוועסטמענטס. רוב מענטשן אין אמעריקע לעבן פון פעי-טשעק צו פעי-טשעק; זיי האָבן נישט קיין אַנונג וואָס דאָס מיינט זיך איינצוהאַלטן פון קויפן עפּעס און אינוועסטירן פאַר דער צוקונפט. מיט דעם וואָס די רעגירונג גיט זיי אַ מתנה פון טויזנט דאָלאַר, האָפן זיי אַז מענטשן וועלן אָנהייבן פאַרשטיין די חשיבות פון טראַכטן פאָראויס און זיך איינהאַלטן פון אומוויכטיגע הוצאות, ווייל דערנאָך וועלן זיי קענען שניידן די פירות.

מ'ווייזט אן אז די טויזנט דאָלאַר וואָס אַ קינד באַקומט יעצט אינעם "טראָמפּ אַקאַונט", וואָס וועט ווערן אינוועסטירט אינעם מאַרקעט, ווערט געשעצט צו זיין ווערד בערך אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר ווען דאָס קינד וועט זיין 55 יאָר אַלט.

ווען מיר גערבן זיך אָפּ מיט אונזערע קינדער, דאַרפן מיר טראַכטן: "וואָס וועט ער האָבן דערפון ביי די 25?" מיר דאַרפן טראַכטן און זיך אויסמאָלן ווי מיין קינד איז שוין 35 יאָר אַלט און ער אַרבעט שווער על המחיה ועל הכלכלה; וועט ער קענען נוצן דעם חינוך וואָס מיר געבן אים יעצט, אָדער איז עס ווערטלאָז?

לאמיר אינוועסטירן אין אונזערע קינדער און אריינלייגן אינעם אקאונט יעצט ווען זיי זענען נאך קליין; זיי אויסלערנען אז דער באשעפער פירט די וועלט און איך בין אים דאנקבאר אפילו עס גייט אנדערש ווי איך וויל. אין פופציג יאר ארום וועט עס ווערד זיין אסאך מער ווי א האלבע מיליאן דאלאר.

װעלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

גרשון קרעמער




## גרויסער פייער אין "אגרי סטאר" שלאכט-הויז אין פאסטוויל

א מאסיווער פייער האט אויסגעבראכן דינסטאג אינדערפרי פרשת עקב אינעם באקאנטן כשר'ן שלאכט-הויז "אגרי סטאר" אין פאסטוויל, אייאווע, וואס האט ארויסגערופן א ריזיגן עמערדזשענסי-ריספאנס פון פילע פייער-דעפארטמענטן אין די ארומיגע געגנטער.

צענדליגער פייערלעשער האבן געארבעט שעות לאנג צו ברענגען די פלאמען אונטער קאנטראל. ביז דערווייל איז נאכנישט באקאנט די אורזאך פונעם פייער, און די אינצידענט געפינט זיך נאך אונטער אן אויספארשונג.

אגרי סטאר ווערט פאררעכנט אלס איינע פון די גרעסטע כשר'ע פלייש-פראדוקציע פאבריקן אין דער וועלט, און דינט אלס א הויפט צענטער פאר כשר'ע פלייש-פראדוקטן אין אמעריקע. דער פאבריק שטעלט צו פרנסה פאר הונדערטער ארבעטער, ארייננגערעכנט א צאל אידישע פאמיליעס וואס וואוינען אין דער געגנט.

געעפענט האט זיך עס דורך אונזער אלעמען באקאנטער מו"ה שלום מרדכי רובאשקין שליט"א, און ווי אלע געדענקן האט זיך די רעגירונג פארלייגט דאס צו פארמאכן, און אים ארייננגעזעצט אין תפיסה רח"ל, ביז ער איז ארויסגעקומען נאך 8 יאר, מיט זיין פעלזן פעסטע אמונה אינעם אייבערשטן. (ווי באשריבן מער באריכות אינעם בלעטל פסח תשפ"ו)

עס איז נאך צו פרי צו וויסן די גענויע מאס שאדן וואס דער פייער האט אנגעמאכט, און צי די פראדוקציע וועט ווערן אפגעשטעלט פאר א לענגערע צייט. מען האפט צו באקומען מער דעטאלן פון די אייגנטומער אין די קומענדיגע טעג.

מיר האפן און בעטן צום אייבערשטן אז קיין שום איד זאל נישט האבן געליטן קיין שאדן פון דעם שווערן אינצידענט, און אז די שוחטים זאלן קענען צוריקגיין צו זייער הייליגער ארבעט וואס שנעלער.

באזונדערהאפן מיר אז דער פייער זאל נישט איבערלאזן קיין לאנג-טערמיניגע שאדנס פאר דער כשר'ער פלייש-אינדוסטריע. בפרט בעטן מיר דעם אויבערשטן אז דאס זאל נישט האבן קיין השפעה אויף ארויפשרויפן די פרייזן פון כשר'ע פלייש, יעצט ווען מיר האלטן שוין נישט ווייט פון די הייליגע ימים טובים צו וואס מיר אלע גרייטן זיך מיט גרויס שמחה.

ביי דער געלעגנהייט איז פאסיג צו דערמאנען אנשי שלומינו צו דאנקען דעם אייבערשטן, וואס אין די לעצטע תקופה האט ער אונז מזכה געווען צו האבן פלייש פון אונזער אייגענער שחיטה. דאס איז א געוואלדיגע זאך, וויסנדיג אז די שוחטים לעבן מיט אמונה און יראת שמים; זיי זענען חסידים ואנשי מעשה וואס זענען מדקדק בקלה כבחמורה, טובל'ן זיך אין מקוה יעדן טאג, דאווענען מיט מנין, און רעדן יעדן טאג צום אייבערשטן, און זענען מומחים אין זייער הייליגער ארבעט.

# א ווארט צווייי

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

בילד פון די וואך



## מלך בשדה

עי-איילאזער בילד דורך באגאבטער פאטאגראפירער ר' אייזיק ראטה, פון פארנעפלטער זון אויפגאנג אינעם טרעיל צווישן די האשקי און מאנגאג גאסן בקריתינו, וואס דערמאנט דעם "ומשה ניגש אל הערפל אשר שם האלהים". אפילו ווען ס'גייט איבער, דייקא אינעם נעפל גיסט מען זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן.

"עס איז זייער גוט צו זיין פרום צווישן די גראז און ביימער" איז דא א שיחה פון רבי'ן, בלייבט נאר איבער עס צו פאלגן.

פריטרדיגע

## "דו זוכסט א גוטע גוי, איך זוך א גוטע איד."

- דער רבי זי"ע פון סאטמאר, ווען א איד איז געקומען זאגן אז ער זוכט א גוטע גוי פאר זיין ביזנעס

גוטזאגער

## מארגן איז היינט, היינט איז באלד נעכטן, אבער נעכטן איז געווען קיינמאל.

דער ראש ישיבה זאגט

## פרעשער וואלו

מענטשן פרעגן מיר אויב איך האב נישט מורא אז פון האבן אזויפיל חובות פאר די מוסדות קען איך כאפן א נערוון בראך; ווען נישט התבודדות וואלט איך עס נישט געקענט דורכטראגן, אבער אז מען איז זיך מתבודד קען עס נישט פאסירן, התבודדות איז ווי א 'וואלוו' ווי די פרעשער גייט ארויס...

- מלוה מלכה מוצאי שבת נחמו תשפ"ו

## זאצן וואס פארדינען שטערכלער

• בערל שניצלער

על דא ועל דארט

## סעסיע

"דו ביסט דא פאר איין זאך" האט זיך די גרויסע ברייטע געלע טאטע בלום אויסגעדרוקט צו די העל פינק בעבי בלום, "דו ביסט דא צו מאכן די וועלט א בעסערע פלאץ. און ווען ס'קומט דיר אריין די מחשבה פון 'ווער בין איך', זאלסטו טראכטן אז איך בין די קליינע מיך אין מיך" לאזט ער אים נישט זיך וויקטעמייזן, "און פארגעס נישט, פיק אפ פאר יור סעלף, שטיי גראד, און לאז דיך נישט טרעטן, לאז דיך נישט בייגן. און דאס אז דו וואַקסט אזוי קרום איז נאר ווייל ווען דו האסט אנגעהויבן וואקסן האט מען דיך נישט געלאזט גיין אין ערגעץ, האסטו געמוזט דא בלייבן בייטאג און ביינאכט, נישט ווייל דו בלום ביסט די פראבלעם חלילה. אויב דו וועסט עס חזר'ן און געדענקען אז מ'לאזט זיך נישט טרעטן, דאן וועסטו מער נישט זיין ווי א פארמאכטע בלום, דו וועסט אויסוואקסן כמעט אזוי שיין ווי מיר".

ספאנטאניש האט אונזער פינקע בלום אויסגעשאסן אין א ציניש געלעכטער, אבער ממש ווי די רויבערס מיט זייער דיקע "כא" ג' פעמים, עד כדי כך אז ווען דער געלער בלום האט אים געפרעגט ולשמחה מה זו עושה האט ער אפילו נישט געקענט ענטפערן, נאר זיך דערשטיקט פון געלעכטער.

נאך א קורצע ווײלע און ענדיגן צו זיך קומען האט אים די געלע בלום געדרוקט צום וואנט ער זאל אים מיטטיילן פארוואס ער לאכט, האט זיך די פינקע בלום אנגערופן: "גארנישט ספעציעל, סתם... איך האב קיינמאל נישט געוויסט אז בלומען קענען רעדן..."

## אשר בנחל פעקלעך

**מיטהאלטנדיג דעם באווארפן פון החתן אברהם יודא לעזער פארלאפענעם שבת נחמו אין קרית ברסלב, האב איך אריינגעקלערט אז די היכל הקודש באווארפן פעקלעך זענען ממש ווי אשר בנחל. מ'ווארפט אויפן חתן קענדי'ס, אנדערש ווי ביי אנדערע ווי מ'דארף ווארפן פעקלעך, נארמאל. און די קינדער זענען זיך מחי' זיך איינשפארנדיג די פיין פון דארפן טרעפן די קענדי צווישן די פאפקארן, מאנדלען און פרעצלס. לאמיר זיי גלייך ווארפן די קענדיס.**

**געוני דאס פלעגט מוהרא"ש זאגן, "ווען מ'זוכט התחזקות אין א חסידיש ספר דארף מען מישן און זוכן ביז מ'טרעפט דעם שטיקל חיזוק למעשה, איך וועל מאכן א ספר וואס ווי מ'וועט עס נאר עפענען וועט עס אויפוועקן פון שלאף".**

**ר' יצחק יונה זאבעל** נאכן ווײלן א שבת אין שטעטל

## על שלשה 'דברים'

**"עס איז דא א באקאנט ווערטל אז וויאזוי האט דוד המלך געשריבן דעם ספר תהלים? ער האט אראפגעשריבן אלע סקולענער ניגונים...**

**אזוי איך קען מען אפשר זאגן אז פרשת עקב איז שטיקער אשר בנחל..."**

ר' ישראל דוד העסקעל ביים איבערגעבן אנעקדאטן **פון דף שיעור ב' עקב תשפ"ו**

## א אידישע חתונה

**"די חתונה דא איז אזוי נאטורליך, עס האט אלע טעמים, עס זענען דא געוויסע וואס 'פרובירן צו מאכן' זייער שמחה נאטורליך, דא איז עס נאטורליך נישט געמאכטערהייט".**

מעסעדזש וואס איז אריינגעקומען פון צוויי באזונדערע אידן, וואס ביידע האבן געהערט פון א באטייליגטער ביים חתונה פון בן הר"ר יעקב לעזער שליט"א, ווי מ'האט געשפירט וואס הייסט אן אמת'ע אידישע שמחה

## נסיון הדור

**"די הייניגע נסיון הדור איז עצבות ומרה שחורה, מ'דארף מיט אלע כוחות זיך מאכן פרייליך."**

- ראש ישיבה שליט"א אצל שיעור ליל שישי עקב

# פיצל.

# מוסדות 'נקודות טובות' ברסלב, ליבערטי

מ
יט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז צום קומענדיגן לערן יאר SEPTEMBER וועלן מיר אי"ה עפענען די טויערן פון אונזערע נייע מוסדות, די תלמוד תורה און מיידל שולע. היות דער פלאץ איז באגרעניצט, בעטן מיר די חשוב'ע פאראינטערעסירטע עלטערן זיך צו מעלדן וואס אמשנעלסטן.

אויפן פארלאנג פון פילע עלטערן וועלן מיר אי"ה עפענען די נייע "מוסדות החינוך" נקודות טובות ברסלב אין אונזער שטאט ליבערטי, ניו יארק, וואו איר וועט קענען שיקן אייערע קינדער צו באקומען א גוטן חינוך "על פי דרכו", וואס וועט זיין מער געאייגנט פארן געשמאק פון די עלטערן.

די גרונט-פרינציפן פון די מוסד זענען באזירט היות ברסלב איז צאמגעשטעלט פון פארשידענע קרייזן, - וואס נישט אלע שפירן זיך באקוועם אין די ביז-איצטיגע מוסדות. זוכן מיר צו פארגרינגערן סיי פאר עלטערן וואס קומען פון אנדערע קרייזן, ווי אויך עלטערן וואס זענען אדורך טראומע, ווייטאג אדער נישט קיין גרינגע יוגענט, וואס דאס טוט שווער אויסקלאפן אויף זייער לעבנסשטייגער. מיר וועלן אי"ה צושטעלן מוסדות חינוך וואס זאלן זיין מער צוגעשטעלט צו זייערע באדערפענישן.

פילע עלטערן האבן זיך באקלאגט: "למה נגרע?" עס באדערט זיי זייער: פארוואס זאל דער פאקט אז מיר האבן געזוכט א פלאץ פאר חיזוק אין די יונגערע יארן און זיך נישט געקימערט צו זוכן א ניי פלאץ, אדער דער פאקט אז אונזערע עלטערן האבן געטראפן זייער אידישקייט ביים ראש ישיבה און מיר זענען דא געצווינגענערהייט פארבליבן - פארוואס זאל דאס טריגערן אונזער גאנץ לעבן און דאס לעבן פון אונזערע קינדער?

פילע ווייזן אן אויף אזויפיל קהילות בישראל וואו די קינדער וואקסן אויף אינעם "מעינסטרים", איז פארוואס זאלן מיר נישט קענען געניסן פון האבן ביי אונז אזא מוסד? מיר ווילן נישט אז אונזערע קינדער זאלן אויפוואקסן מיט די שמאלקעפיגע מהלך אין חינוך וואס מען סערווירט אין די ביז איצטיגע מוסדות.

טייל טענה'ן אז זיי שפירן זיך אין א שווערע פארלעגנהייט ווען די קינדער קומען אהיים מיט א שווערע געפיל איבער די וועג וויאזוי מיר קאמוניקירן אינעם טעגליכן לעבן - צי מיט די טעלעפאנען אדער אנדערע פארגעשריטענע כלים וואס פארגרינגערן אונז דאס לעבן. די קינדער וואס וואקסן אויף לויטן גאנג פונעם ראש ישיבה באמערקן גלייך אז מיר זענען נישט דא פאר זיי, און דאס שטערט זיי פון וואקסן, זייענדיג באוואוסטזיניג צום פאקט אז "מיינע עלטערן האבן מער ליב סאציאלע מידיא ווי אונז, זייערע קינדער".

אין די זעלבע צייט ווייזן טייל עלטערן אן, אז זיי ווילן יא צושטעלן דאס בעסטע פאר אונזערע דורות; און פונקט ווי מיר האבן צוטריט צו א נייע, גרינגערע לעבן פון שנעלע שאפינג, קאמוניקאציע, סטעטוס, און נייעס, ווילן מיר פארגינען פאר אונזערע קינדער דאס זעלבע. הלמאי? פארוואס זאלן אונזערע קינדער דארפן זיין אונטערשטעליג, אין א צייט וואס מען קען זיך פארגרינגערן דאס לעבן דורך זיין מער אפן צו די וועלט?

מיר האבן אריינבאקומען טענות פון

נקודות וואס
דערגרייכן דאס
פינטעלע איד

# הרב אברהם משה שטראססער

עלטערן וואס ווילן יא האבן די אפציע צו מאכן נארמאלע שמחות. ווי אויך ווילן זיי זיין פריי צו די אפציע פון ווארטן אז די קינדער זאלן זיך מער משלים זיין איידער זיי האבן חתונה; זיי ווילן נישט ווערן געפירט דורך אונזערע קינדער, וואס קומען אהיים מאטאוואזירט פון די לעקציעס פון זייערע מלמדים און לערערינס און שטאלצירן כאילו מיר זענען פון די אויסדערוועלטע וואס מאכן שמחות ביליג, וואס מאכן חתונה די קינדער יונג, און קויפן איין שיינע קליידער אינעם באזאר.

מיר ווילן נישט שפילן א טאפלט לעבן: פון איין זייט זיך מאכן ווי מיר ווילן די שיעורים פונעם ראש ישיבה און צאלן דערפאר א פרייז - ארויסלויפן יעדן ליל שישי און מוזן שטיין אינדרויסן פון בית המדרש ביים שיעור יעדן דאנערשטאג נאכט - ווייל טאמער נישט, ווערן מיר פאררעכנט אלס די צווייטע קאטעגאריע דא אין שטעטל.

די זעלבע בארעכטיגטע טענה האבן מיר באקומען פון די פרויען, וואס טענה'ן אז זיי ווילן נישט דעם וועג וואס דער ראש ישיבה לערנט ביי די שיעורים פאר פרויען, אבער זיי טוען זיך כסדר אנשטאלפערן אן יעדן פון פריש, זייענדיג א חלק פון די סוסייעטי וואס ס'רוב וויל יא דעם סטיל לעבן.

טייל זאגן אז זיי ווילן דווקא יא א גוטע סעקולערע עדיוקעישאן פאר די קינדער. טאקע נישט ממש אלעס וואס מען האט אונז געלערנט אין שולע ווען מיר האבן געדארפט מיטמאכן די רידזשענטס און שווערע טעסטס, אבער כאטש זאלן זיי ויסן ווער עס זענען געווען אונזערע העלדן, אונזערע פרעזידענטן, אדער לכל הפחות די שטאטן פון אונזער לאנד.

עס זענען דא אזעלכע וואס גייען א טריט ווייטער און ווייזן אן אז מען זעט היינט – אכשיר דרא – אז עס זענען פאראן וואוילע קהילות בישראל וואס מען איז בכלל נישט מקפיד אז א פרוי זאל דוקא מוזן זיין צוגעדעקט; איז פארוואס זענען מיר געצווינגען זיך צוצושטעלן צו דעם פרומען, אלטן, פאנאטישן חינוך וואס מען באקט אריין אין די קינדער, אז פרויען מוזן גיין אנגעטון?

בפרט פולע אייסטערן זיך אז זיי קענען בשום אופן נישט געהערן צו א סעקטע וואס מען מאכט דאס גענאר פון די אלע היילונג פראגראמען און פון די טעראפי ווארלד, בשעת זיי אליין ווילן יא גיין זיך היילן און שיקן זייערע קינדער צו לייסענסד טעראפיסטן, אזוי ווי עס איז איינגעפירט ביי אלע היימישע מוסדות; און אויב עס פעלט אויס צו בארואיגן די קינדער, זאלן די קינדער יא קענען נעמען מעדיצינען זיי צו בארואיגן.

סך הכל האבן מיר אריינגעקוקט אין די אלע טענות, און מיר זענען געקומען צו א החלטה אז ברסלב איז נישט דא ארויפצוצווינגען אויף קיינעם קיין אידישקייט. ברסלב איז מאז ומקדם געווען א פלאץ פון שלום, ליבשאפט, דן זיין לכף זכות, זוכן נקודות טובות, און זיין פארנומען מיט יענעמס גשמיות און נישט מיט יענעמס רוחניות. עס איז נישט מער ווי יושר אז אזא פלאץ זאל נישט האלטן די משפחות אלס משכונות ("האסטעדזש") אין א פלאץ וואס טוט פארמאוט"ן דאס פונקט פארקערטע.

די החלטה איז נישט געקומען פון איין מינוט אויפן צווייטן; עס זענען געווען פילע אפציעס אויפן טיש. למשל, אז די הנהלה זאל פרובירן מיט שיינעם אנצוטראגן פאר די באטרעפנדע משפחות אז זיי זאלן טרעפן פלעצער וואס זענען מער אויסגעשטעלט לויט זייער וועג. מיר האבן אנגעוויזן אויף פילע נייע געגנטער וואס זענען געבויט געווארן דירעקט אויפן פרינציפ אז עס איז נישטא קיין מורה דרך, רב אדער דיין וואס טיילט איין ווי אזוי מען זאל זיך פירן, און אפילו געגנטער וואס זענען יא אויסגעשטעלט מיט א רב אדער א דיין, אבער ספעציעל אזא איינער וואס מישט זיך גאר ווייניג אינעם לעבנסשטייגער פון די איינוואוינער.

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט - מאיזה סיבה שיהיה - אז דאס האט זיך נישט איינגעגעבן. עס איז שווער צו הייסן מענטשן וואס האבן נאכנישט מחליט געווען וויאזוי אויסצושטעלן זייער לעבן, אז זיי זאלן גיין אין די געגענטער, דערפאר האבן מיר לטובת העניין באשלאסן אז מיר וועלן עפענען אייגענע מוסדות וואס וועלן זיין אומאפהענגיג. מען וועט עס האלטן לויז, אין א שטייגער וויאזוי די שטובער פון וואו די קינדער קומען זענען אויסגעשטעלט, און די החלטות איבער די קינדער וועלן ליגן אויסשליסליך אין די הענט פון די עלטערן און נישט אונטער די אייגנשאפטן פון א הנהלה.

מיר האפן גאר בקרוב צו מעלדן די פרטים איבער די נייע מוסדות; ווי אויך וועגן רעגיסטראציע און דאס גלייכן וועלן מיר מעלדן גאר בקרוב.

# זיך היטן פון ניבול פה



## שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעלֵיינְט אִין אֵיין בְּרִיוו וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט פַאר אַ טַאטֶע אַז עֶר זָאל קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף זַיין בָּחוּר, עֶר זָאל זִיךְ פְּרֵייעֶן אַז זַיין זוּן רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה 'אַזוֹי וִוי רוֹב חֲסִידִישֶׁע בָּחוּרִים רֶעדְן'.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דָאס גֶעבְּן מֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין, אִיז דָאס טַאקֶע דֶער בְּלִיק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף יֶעדֶע גְרוּפֶּע חֲסִידִישֶׁע בָּחוּרִים אַז רוֹב פוּן זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה? אִיךְ מֵיין נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, אָבֶּער דִי בְּרִיוו גֵייעֶן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, קוּמְט זִיךְ טַאקֶע אַזַא טִיטְל פַאר חֲסִידִישֶׁע יְשִׁיבָה בָּחוּרִים?

**עצתו אמונה ראה תשע"ט**

# תשובה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּעֲווֹנוֹתֵנוּ הָרַבִּים גֶעפוּנֶען מִיר זִיךְ אִין אַ צַייט וָואס אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן (אֵיכָה ד, א): "**תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת**", טַייעֶרֶע אִידְן, הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וַואלְגֶערְן זִיךְ בְּרֹאשׁ כֹּל חוּצוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אוֹיף זֵיי גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן; מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אִינֶעם דוֹר הַמַּבּוּל רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן קֵיינֶער הָאט אוֹיף זֵיי נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת.

מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג הָאבְּן צוּטְרִיט צוּ לֵיינֶען אוּן קוּקְן מִינוּת אוּן נִאוּף, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין דֶעם; אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט דֶעם צְוֵוייטְן אוּן דֶער צְוֵוייטֶער שְׁלֶעפְּט אַרַיין דֶעם דְרִיטְן. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ (אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט).

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּטוּן מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, דֶערְפַאר וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ הַשֵּׁם יְרַחֵם.

וֶוער עֶס טוּט מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים דֶער וֵוייסְט וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים; מֶען דַארְף וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן גָלוּת.

מִיר לִיגְן אִין אַזַא טוּנְקֶעלֶע גָלוּת, טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, בָּחוּרִים וֶוערְן נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן; מֶען אִיז מַכְשִׁיל אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז שִׁיקְן אַ צַדִּיק, אַ מַנְהִיג וָואס זָאל אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז): "**מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג**", אֵיינֶער וָואס הָאט רַחְמָנוּת, דֶער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, "**כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין חַס וְשָׁלוֹם בַּעֲווֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת**", דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אִיז רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין קַיין עֲבֵירוֹת. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת, "**וְזֶהוּ עִקַּר הָרַחֲמָנוּת, לְרַחֵם עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ, לְהוֹצִיאָם מֵהַמַּשּׂאוֹי הַכָּבֵד שֶׁל עֲווֹנוֹת**", דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אִיז זֵיי הֶעלְפְן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין עֲבֵירוֹת, "**כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל מֵאַיִן הֵם לְקוּחִים וְיוֹדֵעַ רוּחָנִיּוּת וְדַקּוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל**", וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס אַ אִיד אִיז, וִוי גְרוֹיס אַ אִיד אִיז אוּן פוּן וואוּ אַ אִיד קוּמְט, "**הוּא יוֹדֵעַ, שֶׁיִּשְׂרָאֵל הֵם רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מֵעָוֹן**", דֶער וֵוייסְט אַז אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן עֲבֵירוֹת, "**וְאֵין עָווֹן שַׁיָּךְ לָהֶם כְּלָל כְּלָל לֹא לְפִי גֹּדֶל קְדֻשָּׁתָם מִשָּׁרְשָׁם וְגֹדֶל דַּקּוּתָם וְרוּחָנִיּוּתָם**", עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָּיךְ עֲבֵירוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**



# פְּשָרָהלָאז

***אין***

***קורצן פון פריער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*ער איז נישט מוותר אויף קיין מצוה.*

*מקפיד צו דאווענען מיט מנין יעדן טאג מיט מסירות נפש.*

*רבי יעקב יוסף איז זעלטן אוועקגעפארן פון שטוב.*

*עס האט זיך אבער געמאכט איינמאל וואס ער האט געדארפט רייזן צוליב ביזנעס קיין אייראפע.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

ווען רבי יעקב יוסף איז געווען אין אייראפע, האט ער ווי פארשטענדליך אויסגענוצט די צייט צו באזוכן און מחזק זיין זיינע קינדער אין די מירער ישיבה און זיינע תלמידים.

ועל כולם האט ער אפגעשטאט א באזוך

אין ראדין ביים הייליגן חפץ חיים.

זיין זון נחום דוד, וועלכער האט אים באגלייט אויפ'ן באזוך, האט אפגעשריבן אין זיינע זכרונות:

"בערך דריי קילאמעטער פאר ראדין איז דער טאטע אראפ פון וואגן און אנגעהויבן גיין צופיס אין די טיפע בלאטעס וואס האבן דאן אנגעפילט די וועגן, ווייל ער האט געוואלט באקומען שכר הליכה.

ממש איידער דער טאטע איז אנגעקומען אין שטוב, האט דער חפץ חיים, וועלכער האט מרגיש געווען אז דער טאטע קומט, געבעטן זיין רביצין זאל אים דערלאנגען די שבת'דיגע מלבושים מיט וועלכע ער פלעגט אויפנעמען גדולים.

דער חפץ חיים האט זיך געפירט אז ער פלעגט מקבל פנים זיין חשוב'ע לייט מיט א פסוק אין תנ"ך.

ווען דער טאטע איז אריינגעקומען, האט

דער חפץ חיים געזאגט דעם פסוק אין יחזקאל (מ"ד, ט"ו): '**והכהנים הלוים בני צדוק אשר שמרו את משמרת מקדשי בתעות בני ישראל מעלי המה יקרבו אלי לשרתני**'..."

...

**קומט אריין רבי יעקב יוסף! אצינד וועל איך קענען אביסל צוריקצאלן פאר אייער הכנסת אורחים וואס איר האט געטון פאר מיר אין אמעריקע.**

ווען רבי יעקב יוסף איז געווען אין אייראפע, האט ער יעדן ערב שבת אהיימגעשיקט א טעלעגראם פאר זיין משפחה זיי מודיע צו זיין דעם זמן פון ליכט צינדן און זיי וואונטשן א גוטן שבת.



## מ. מאנן 29

דער חידוש פון רבי יעקב יוסף איז געווען, אז אין די זעלבע צייט וואס ער האט עוסק געווען פאר'ן כלל, איז דאס נישט געקומען אויפ'ן חשבון פון זיין משפחה.

ווען רבי יעקב יוסף איז אהיימגעקומען פון זיין ווייטער נסיעה קיין אייראפע, האט ער דערציילט פאר זיין ווייב און קינדער מיט גרויס שמחה, אז ער האט נישט פארפאסט קיין איין תפילה אן א מנין!

דאס איז פאר אים געווען מער ווערד ווי די גאנצע ביזנעס וואס ער איז געגאנגען ערלעדיגן.

ער האט דערציילט אז נאכ'ן ענדיגן זיינע געשעפטן, האט ער נאך געדארפט פארן קיין לאנדאן.

ער איז דאן געווען אין דייטשלאנד און ער האט זיך געכאפט אז אויב ער גייט ווייטער מיט זיין פלאן, וועט ער פארפאסן א מנין מעריב. דעריבער האט ער געמאכט א שנעלע באשלוס צו פארן מיט א פליגער קיין לאנדאן.

אין יענע יארן איז א פליגער געווען היבש א נייע זאך, עס האט געקאסט זייער טייער און דערצו איז עס נישט געווען אזוי זיכער, דעריבער האבן זיך אסאך מענטשן אפגעהאלטן פון פליען.

אבער פאר רבי יעקב יוסף איז אלעס כדאי געווען כדי צו קענען דאווענען מיט א מנין.

נאך א נישט לייכטע רייזע, שפעט ביינאכט איז רבי יעקב יוסף אנגעקומען קיין לאנדאן, און ער איז גלייך צוגעגאנגען צום הויז פון הגאון רבי אליהו דעסלער זצ"ל.



ווען ר' אליהו האט אים דערזען, האט ער זיך זייער געפריידט.

"קומט אריין רבי יעקב יוסף! אצינד וועל איך קענען אביסל צוריקצאלן פאר אייער הכנסת אורחים וואס איר האט געטון פאר מיר אין אמעריקע." (ער איז אויך געווען איינער פון רבי יעקב יוסף'ס געסט).

"וואס קען איך טון פאר אייך אז איר זאלט זיין באקוועם דא?"

"איך דארף א מנין מעריב," האט רבי יעקב יוסף געבעטן.

ר' אליהו האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער און געזאגט: "עס איז שוין גאנץ שפעט, אבער איך וועל פרובירן."

נאך א שטיק צייט האט ער ערלעדיגט א מנין, צו די פרייד פון רבי יעקב יוסף.

"רבי אליהו, דאס איז געווען ריכטיג הכנסת אורחים," האט ר' יעקב יוסף זיך דערפריידט.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## די בער איז דא

איידער דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו איז באקאנט געווארן אלס א גרויסער רבי און א הייליגער צדיק, פלעגט ער שפאצירן אויף די בערג און פעלדער צווישן קוסוב און קיטוב, זיך מתבודד זיין און זינגען שירות ותשבחות צום אייבערשטן, און אויסשמועסן זיין הארץ מיטן הייליגן באשעפער.

אויף די בערג פלעגן זיך דרייען פאסטעכער מיט שאף, און זיי האבן שטענדיג געזען ווי א איד דרייט זיך נעבן זיי. וויבאלד א גוי טראכט אלעמאל פון רציחה, בפרט ווען ער זעט א איד, האבן זיי גלייך געטראכט וויאזוי מען קען אים הרג'ענען. זיי האבן אפגעשמועסט אז מען גייט אים פטר'ן, און האבן פונקטליך אפגעמאכט וויאזוי זיי וועלן עס אויספירן.

עס איז געקומען דער טאג, און זיי האבן זיך אנגעהויבן גרייטן צו טון דעם געפערליכן אקט רח"ל. זיי האבן אנגעהויבן קומען נענטער און נענטער צום הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, אבער ווי נאר זיי זענען צוגעקומען נאנט צו אים, איז אויף זיי געפאלן אזא פחד אז זיי זענען אנטלאפן פאר גרויס שרעק, ממש צו ראטעווען זייער לעבן.

דער הייליגער בעל שם טוב האט געזען אז זיי לויפן אוועק, איז ער זיי נאכגעלאפן און געפרעגט: "פארוואס לויפט איר? דארפט איר עפעס?" זיי האבן זיך מורא'דיג געשעמט פאר אים, און מיט גרויס ציטערניש האבן זיי געפרעגט: "וואס איז דיין נאמען?" האט דער הייליגער בעל שם טוב געענטפערט: "ישראליק. און אויב איר דארפט עפעס קומט צו מיר, איך וועל אייך געבן וואס איר באגערט."

פון דעמאלטס אן האבן די גויים אפגעגעבן גרויס כבוד פארן בעל שם טוב; זיי האבן געזען אז ער איז א געטליכער מאן, און כאטש זיי זענען געווען גויים, האבן זיי געהאט אמונת חכמים אין אים.

איין טאג איז ארויסגעקומען א בער פון וואלד און ער האט פארציקט עטליכע שעפסעלעך פון איינעם פון די פאסטעכער. דער גוי האט זיך דערשראקן און אנטלאפן פאר זיין לעבן, און ער האט זיך גענומען וויינען מיט א יאמערליכע געוויין. ווען די אנדערע פאסטעכער האבן אים באמערקט וויינען, האבן זיי אים געפרעגט: "וואס איז געשען? פארוואס וויינסטו? וויאזוי קען מען דיר העלפן?" האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה מיטן בער. עס איז אויף אלע פאסטעכער געפאלן א שרעקליכער פחד און זיי זענען געווארן אינגאנצן פארלוירן. "וואס טוט מען דא? וואס גייט זיין? אפשר קומט דער בער נאכאמאל? אוי וויי! מיר זענען אלע אין א געפאר!"

ביז עס איז איינעם איינגעפאלן: "מיר האבן דא דעם געטליכן מאן וואס דרייט זיך דא אין די וועלדער און פעלדער, לאמיר אים בעטן אן עצה, אפשר קען ער אונז העלפן." זענען זיי געגאנגען און געטראפן דעם הייליגן בעל שם טוב זיך מתבודד זיין מיט פארמאכטע אויגן, אינגאנצן פארדבקות'ט מיטן אייבערשטן.

פלוצלינג עפנט ער די הייליגע אויגן און פרעגט: "וואס ווילט עטץ?" זיי האבן דערציילט די גאנצע געשעעניש און צוגעלייגט: "מיר האבן מורא אז מארגן גייט דער בער צוריק קומען." האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע זיך אנגערופן צו דעם פאסטעך וואס זיינע שעפסעלעך זענען פארציקט געווארן: "האב נישט קיין מורא, מארגן גיי ווייטער ארויס מיט דיינע שעפעלעך, און אויב דער בער קומט נאכאמאל ארויס פון וואלד, זאלסטו זאגן די ווערטער: 'ישראל בן שרה האט געבעטן זאלסט זיך אראפלייגן און צומאכן די אויגן'."

דעם קומענדיגן טאג איז דער פאסטעך ארויס מיט זיינע שאף, און פלוצלינג באווייזט זיך דער בער מיט זיין גאנצער שטארקייט. דער גוי האט למעשה געהאט אמונת חכמים, ער איז מיט א גאנצער רואיגקייט צוגעגאנגען צום בער און געזאגט: "ישראל בן שרה האט געזאגט זאלסט זיך אראפלייגן אויף דער ערד," און דער בער האט זיך אראפגעלייגט. "זאלסט פארמאכן דיינע אויגן," און דער בער האט פארמאכט די אויגן און געפגר'ט.

דער פאסטעך האט דערנאך גענומען די פעל פון דעם בער און געמאכט דערפון א טולופ, און ער פלעגט כסדר גיין דערמיט אנגעטון כדי צו ווייזן פאר די מענטשן אז דער בער איז געשטארבן אין זכות פונעם גרויסן צדיק.

יארן שפעטער, נאך די הסתלקות פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, איז אויסגעקומען אז א צדיק איז איינגעשטאנען ביי דעם גוי און ער האט באמערקט ווי דער גוי גייט אנגעטון מיט אן אינטערעסאנטן אויבערראק. דער צדיק האט אים געפרעגט: "וואס איז דאס?" דער גוי האט דערציילט די גאנצע מעשה, האט דער צדיק געזאגט: "איך וועל דיר געבן דריי הונדערט גאלדענע מטבעות, פארקויף עס מיר." דער גוי איז איינגעגאנגען אויף דעם און ער האט עס פארקויפט.

דער צדיק פלעגט עס אלץ ווייזן פאר זיינע תלמידים און זאגן: "קוקט די כוח פון אמונת חכמים." דער טולופ איז אריבער בירושה צו זיינע קינדער און אייניקלעך, ביז עס איז נעלם געווארן ביי די ערשטע וועלט מלחמה..."

*אשר הנחל חלק נג' מכתב י' קפצ בריוו 10187*



## דעם הייליגן רבינ'ס

# לעבנסגעשיכטע

## קע"א

## פארזעצונג פון פריער:

**נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט זִיךְ פַארעֶרְגֶערְט דִי קְרֶענְק אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן קִינְד שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פָארְן קֵיין מֶעזִיבִּיזְשׁ צוּם צִיוֹן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.**

דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן קֵיין מֶעזִיבִּיזְשׁ אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' חַיִים שָׂרָה'ס, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן דִי גַאנְצֶע וֶועג מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע דְבֵיקוּת, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען פַארְפְלַאמְט מִיט אַ פֵייעֶרְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צִיוֹן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז ר' חַיִים שָׂרָה'ס גֶעבְלִיבְּן שְׁטֵיין פוּן דֶערְוַוייטְנְס אוּן נָאר דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ פַארְזוֹימְט דָארְט גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

ר' חַיִים שָׂרָה'ס הָאט גֶעצִיטֶערְט צוּצוּגֵיין נָאנְט, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "דִיר הָאבּ אִיךְ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט, אוּן מִיר נִישְׁט".

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין יָא דָא, גֵיי דוּ אוֹיךְ צוּ צוּם צִיוֹן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן בֶּעט דִיךְ דָארְט אוֹיס", עֶר אִיז טַאקֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶעוֵויינְט דָארְט, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וִויפִיל יָאר עֶר וֶועט נָאךְ לֶעבְּן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן מִיט ר' חַיִים שָׂרָה'ס קֵיין בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם אִיז יֶעצְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט ר' חַיִים שָׂרָה'ס אַיינְצוּקוֹיפְן חַלוֹת, וַויין, אוּן פִישׁ, לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר זַיין וַוייבּ וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן, עֶר הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ יֶעצְט אִין אַ דֶערְפְל נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר וִויל דָארְט בְּלַייבְּן אַלֵיין אוֹיף שַׁבָּת.

זַייעֶנְדִיג דָארְט אִינֶעם דֶערְפְל נֶעבְּן בְּרֶסְלֶב, הָאט דֶעמָאלְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַבְרָהָם פֵּייעֶס, וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן, חַיִים פֵּייעֶס, מִיט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

דֶער אַבְרָהָם פֵּייעֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אָבֶּער עֶר אִיז לֵיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר מְגוּשָּׁמֶ'ער מֶענְטְשׁ אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעוֵויינְט מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר דַארְף אַ תִּיקוּן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "נִישְׁט יֶעצְט". עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַסַאךְ דְרֵייעֶן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט, פְלֶעגְט עֶר נֶעבֶּעךְ אַלְץ צוּרִיקְפַאלְן צוּ זַיינֶע שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אַבְרֶעמְל, נֶעם אַ רוּבְּל אוּן גֵיי גֶעבּ עֶס פַארְ'ן בֶּעדֶער, וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער בֶּעדֶער אִיז אַזוֹי אָרֶעם, צוּקְרִיגְט עֶר זִיךְ אַלְץ מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן דֶערְנָאךְ פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן". עֶר אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען זֵיי גֶעבְּן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט דָארְט שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער בִּשְׁעַתְ'ן צוּרִיק גֵיין הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'אוֹיבּ וֵוייסְט דֶער רֶבִּי וָואס טוּט זִיךְ צְוִוישְׁן דֶעם בֶּעדֶער אוּן זַיין וַוייבּ, וֵוייסְט עֶר דָאךְ זִיכֶער פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים', אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "עֶס אָפּ אַ גוּטְן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ מִיר".

עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נָאכְ'ן עֶסְן אַ בְּרֵייטֶע שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פַאסְטְן פוּן יֶעצְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ בִּיז צוּם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות קידוש סימן ער"א סעיף י'

א] מען דארף אויפהייבן די כוס א טפח פון די טיש[01]. די סיבה פארוואס מען הייבט אויף דעם כוס איז כדי אלע וואס זענען אנוועזנד ביים טיש זאלן קוקן אויפן כוס של ברכה[02]. אבער, אפילו ווען קיינער איז נישט דא דארף מען אויך אויפהייבן די כוס כדי דער מענטש אליין זאל קוקן אויפן כוס[03]. פונעם אר"י הקדוש שטייט אז מען זאל האלטן די כוס נגד החזה[04].

בנוגע דאס אז עס דארף זיין א טפח העכער די טיש, ווערט געברענגט אין די פוסקים אז די האנט אליין קען אויך זיין א חלק פון די טפח[05]. דאס איז נוגע שבת צופרי פאר די וואס פירן זיך צו מאכן קידוש זיצנדיג.

**הקדמה קצרה**: מיר האלטן אינמיטן די צען זאכן וואס א כוס של ברכה, און אזוי אויך די כוס פון קידוש, דארף האבן. איינס פון די זאכן וואס דער מחבר שרייבט (סי' קפ"ג סעי' ד' ביי כוס של ברכה פון בענטשן) איז: **"ונותן עיניו בו, כדי שלא יסיח דעתו"** מען

### הגהות

01] לשון המחב' סי קפ"ג סעי' ג', ומגביהו מהקרקע טפח אם הוא יושב על גבי קרקע, ואם הוא מסב בשלחן מגביהו מעל השלחן טפח, מקורו מירשלמי ברכות ס"ז הלכ' ה' - וכ"כ בפירוש ברמב"ם פרק כ"ט דשבת הלכה ז', ובשו"ע הרב סעי' ח"י.

02] לשון מהמשנ"ב סי' קפ"ג סקט"ז כדי שיהא נראה לכל המסבין ויסתכלו בו (טור) - ובגמ' (ברכות נ"א) מסמיך לה אקרא דכתיב, כוס ישועות אשא הוי הלשון של נשראה והגבהה, ואין הגבהה פחות מטפח, פי' הרשב"ץ ד"ה כוס.

03] כדי להבין דין זה שכתבנו בפנים, חל עלינו חובת ביאור, הב"י בס"י קפ"ב כתוב לאמר: (ד"ה במדרש) דיש מדקדקים חוששים ל"ד הפוסקים, דאפילו ביחיד, ברהמ"ז טעונה כוס, מצד אחר, כדי לחוש לדברי הזוהר, שלא בג' אי"צ כוס, המה עושין בעין פשרה, מניחים הכוס על השלחן ואינם תופסים אותו בידיהם - רמ"א בסע' ב' שם ג"כ מביא מנהגם - ולכאו' מכאן יוצא דהמה מחסרים בדקדוקם במהות של המצווה, דאן איתא, דכוס של ברכה צריך להגביהו, אתמהה, בדרישה סק"ה כ' שאינו קשה, דכל הסיבה שצריך להגביה הכוס הוא כדי שיראוהו כל המסובין ויסתכלו בו, וכשמברך ביחידות אי"ש, עכ"פ יוצא מדרישה דכשמברך ביחידות אי"צ להגביה הכוס, אבל הפרמ"ג (משבצות סק"ד) מקשה ע"ד של הדרישה, שאף שאין צריך להגביה טפח מפני שאין כאן מסובין, מ"מ הרי מבואר כאן בשו"ע שצריך המברך ליתן עיניו בו, ומשום כך יש להגביה הכוס, עכ"פ נראה בעליל ד' הפרמ"ג שצריך להגביה דכל אופן אפילו כשאף א' אינו כאן, את הכוס, בכדי שהוא עצמו יראה, וכן נקטינן.

04] כ"כ בפרע"ח שער השבת פרק ט"ו - וז"ל טוב להניח הכוס נגד החזה - בא"ר סק"ז הו"ד - וכ"כ בכף החיים, בשם אור צדיקים סי' כ"ג אות ל"ז עוד דיעה מצינו בזה, בשלחן הטהור סעי' ז' איתא דצריך להגביה זרת, דהיינו חצי אמה, וכ' שם דכן איתא בזוה"ק פ' כי תשא קפ"ט ע"ב אגב חזיתי בספ' לקוטי מהרי"ח - סדר קידוש דליל שבת בשם ס' דברי שלום על תהלים רמז - "כוס ישועות אשא" - בגמטריא , שחייבין להגביה כוס של ברכה מעל השלחן טפח.

05] כן איתא בתהלה לדוד סק"ג.

06] ומהרי"ל כ', (שבת אות ב') וז"ל כשאשר היה מקדש בליל שב"ק היה מסתכל בנירות הדולקות ע"ג השלחן, והטעם משום דפסיעה גסה נוטלת א' מה' מאות ממאור עיניו של אדם, ושני פעמים נר עולה ת"ק, והמסתכל בב' הנרות של שבת יהיה לו לרפואה - ובעצם רש"י על אתר לומד, ד"ה בקדושא, וזלה"ק ששותה כוס של קידוש בשבת בלילה, והנה יש מחלו', האם המהרי"ל חולק על רש"י, או רק מוסיף עוד חיזוק יותר לסגולה זה, דהיינו כי בפשטות למה יאמר דחולקים, אבל בא"ר סקכ"א נראה דלמד דחולקים.

07] לשון רמ"א: וכשמתחיל יתן עיניו בנרות, ובשעת קידוש בכוס של ברכה, ובמשנ"ב ס"ק מ"ח -מ"ט, מבואר דכן הוא ד' רמ"א, בכדי שיהא הסגולה של

דארף קוקן אויף די כוס כדי מען זאל נישט מסיח דעת זיין פון די כוס, ממילא דארף מען אזוי אויך טון ביים כוס פון קידוש. אבער, ביי קידוש קומט צו נאך עפעס וואס מען דארף קוקן אויף דעם בשעת קידוש: דאס וואס דער מהרי"ל שרייבט[06]: **"שיתן עיניו בנרות בשעת הקידוש"** אז בשעת קידוש זאל מען קוקן אויף די נרות. דער מהרי"ל איז מסביר אז דורך דעם איז מען זוכה צוריק צו באקומען די זעה קראפט, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (ברכות מ"ג ע"ב) **"פסיעה גסה, נוטל אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם, להדריה בקדושא דבי שמשי,** דאס גיין גרויסע טריט נעמט אוועק א פינף הונדערט'סטל פונעם זעהן פון א מענטש און מען באקומט עס צוריק דורך קידוש.

דער מהרי"ל לערנט, און דער רמ"א פסקנ'ט אזוי ווי דער מהרי"ל, אז דורך קוקן אויף די ליכט בשעת קידוש ווערן די אויגן אויסגעהיילט. צוליב דעם, דארף מען זען ווי אזוי קען מען טון ביידע זאכן בשעת קידוש; סיי קוקן אויף די כוס און סיי קוקן אויף די לעכט. דער רמ"א פסק'נט א פשרה ווי פאלגנד:

ב] ווען מען זאגט ויכלו זאל מען קוקן אויף די ליכט, און ווען מען זאגט די ברכה פון קידוש זאל מען קוקן אויף די כוס[07]. די מנהג איז אז אין די אנהייב פון ויכלו גיבט מען א קוק אויף די ליכט[08], און די איבעריגע פון ויכלו זאגט מען אינעווייניג פון די זמירות\סידור. אזוי איז אויך ביי די ברכה פון קידוש; אין די אנהייב גיבט מען א קוק אויף די כוס, און די איבעריגע זאגט מען פון אינעווייניג[09].

ג] די טעם פארוואס מען זאגט קידוש פון אינעווייניג איז[10] ווייל דער טורי זהב האט אמאל געזאגט[11] פארן בעל סמיכת חכמים אז ער פירט זיך צו זאגן קידוש פון שבת\יו"ט אינעווייניג און די סיבה איז; חוץ פון דעם אז עס איז דא א הייליגקייט אויף די אותיות, אויך ווייל אמאל מאכט זיך אז ער איז א גאסט ביי אן עם הארץ, אדער איז אן עם הארץ א גאסט ביי אים, און יענער קען דאך נישט קיין קידוש אויסלייניג; וועט ער זיך שעמען צו זאגן פון אינעווייניג. אבער אז דער טו"ז זאגט פון אינעווייניג, איז עס דאך שוין נישט קיין בושה....

ד] למעשה איז דא נאך פשטים ווי אזוי די אויגן ווערן אויסגעהיילט דורך קידוש. רשי"ס פשט איז אז מען ווערט אויסגעהיילט דורכן טרינקען די קידוש וויין, צוליב דעם זאל מען טאקע זען צו טרינקען פון די קידוש וויין צו האבן די רפואה לויט רש"י הק'.

אויך איז דא נאך א טעם פון רב נטרונאי גאון[12], אז מען לייגט פון די קידוש וויין אויף די אויגן. למעשה האבן די פוסקים נישט אנגענומען די טעם[13], פארקערט, עס זענען דא וואס שרייבן אז מען זאל עס נישט טון; ס'איז נאך אן איסור אלס רפואה אין שבת.

ה] נאך א סארט רפואה דורך קידוש ווערט געברענגט פונעם הייליגן אר"י: אז דורך זאגן זאגן ערליך קידוש מיט כונה ווערט מען ניצול פון אויגן ווייטאג. זעה אונטן א מעשה פון זיין תלמיד ר' חיים וויטאל זי"ע[14].

ו] אויך ווערט געברענגט פון ספרים אז דורך קידוש ערליך מיט כונה איז מען זוכה צו האבן לעכטיגע אויגן אין די הייליגע תורה[15]. אזוי ווערט אויך געברענגט פון צדיקים א סגולה צו געדענקען דאס לערנען[16] איז אז מען זאל אינזין האבן ביי די ווערטער: "זכרון למעשה בראשית" אז מען וויל געדענקען דאס לערנען.

## הגהות

רפואת עינים, וכן שלא להסיח דעתו מכוס של ברכה.

08] ליקוטי מהרי"ח סדר קידוש בליל שבת כ' דמשמע מלבוש סעי' ו', דרק בתחילתו כשאומר הד' תיבות יו'ם ה'ששי וי'כלו ה'שמים, אז מסתכל על הנרות, ובסידור ר' שבתי איתא, דקודם שמתחיל קידוש נותן עיניו בכוס, וחידוש ראיתי בבן איש חי (שנה ב' בראשית אות כ"ט) דכ' מנהגינו לראות את המצח ביין ולכוין מצ"ח מספר הצלחה.

09] היה דרך בצדיקים דהיו מקדש בעינים עצומות עי' זמירות ד"י אות ל"ח ובספ' מגן אבות או"ק ס"ב.

10] אבל אין הטעם משום דברים שבכתב אי אתא רשאי לומר שבע"פ, כדאיתא בתמורה י"ד: ובעוד מקומות בש"ס- כי אעפ"י פסק (סי' מ"ט סקס"א) דכשבא בפסוקים להוציא אחרים יד"ח, אז דוקא הוי הדין של דברים שבכתב א"א רשאי לומר בע"פ, ממילא, כאן כשב"ב לא התפללו, ועכשין באמירת קידוש רוצה להוציא אותם לפי"ז לכאו' היה צריך לאמרם בפנים, אבל איה"נ דזהו אחד מהתירוצים שכתב תוס' בתמורה י"ד ע"ב ד"ה דברים אבל הרבה ראשונים חולקים ע"ז, דהיינו יש להם תירוצים אחרים בכדי לתרץ קי' תוס' איך אנו אומרים בתפילה בכל יום כמה וכמה פסוקים בע"פ, ועיקר התי' משום, דויכלו הוי מהפסוקים דהוי שגורא בפי הכל מש"ה מותר.

11] כן הביא הטעמי מנהגים- אות רצ"ה בקונטרס אחרון- מצוואת בעל סמיכת חכמים שכ' ששמע מהטו"ז.

12] הובא בטור סי' רס"ט.

13] כ"כ בכף החיים- סי' רס"ט סק"ו, בשם שו"ת הגאונים- שבסוף ספ' נהרות דמשק סי' קי"ג וז"ל דלא שמענו מי שמשים את הכוס של הקידוש בליל שבת על עיניו, אלא בשתיה, וכ"כ א"ר ובמחצית השקל סקכ"ג דאין לעשות כן, משום שבות דרפואה דאסור בשבת משום שחיקת סממנים.

14] דאיתא בספ' שער המצוות- פר' עקב אות ב'- שכ', איינמאל שבת קודש האט מיר מיינע אויגן זייער שטארק וויי געטוהן, עס איז נישט געווען קיין קרענק נאר פשוט שטארקע ווייטאג- בין איך געגאנגען פרעגן מיין הייליגער רבי די אר"י הק' וואס איז פשט פון די ווייטאג, דאס אלס שרייבט זיין תלמיד ר"ח וויטאל זי"ע- האט ער מיר גע'ענטפערט אז ווען מען גייט גרויסע טריט נעמט עס אוועק א פינף הונדערטסט'ל פון די זעה קראפט, און עס קומט צוריק דורך קידוש פון פרייטאג צונאכטס, און וויבאלד יענע פרייטאג צונאכטס האב איך נישט אינזין געהאט ביי קידוש איז געקומען די ווייטאג.

15] חזיתי כן בספ' שבת בשבתו- ובנוי על הפסוק גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך, בשם ספ' חמשה מאמרות ריש פ' ויחי, וטעמי מנהגים עמ' תקע"ג.

16] בדרכי חיים ושלום איתא כן- וסיפור יש שם א' בא לפניו ז"ל והתנצל לפניו על חלישת כח זכרונו והגיד לו שיכוין בעת קידוש באמירת תיבת זכרון למעשה בראשית להגביר כח זכרונו.

17] היבע"ץ בהג' לסידור שערי שמים- לדף רצ"ד, שאביו חכם צבי בחר, בכוס עגול של זכוכית בהיר ויפה לכוס של ברכה, ולא בגביה כסף וזהב, אף שלא היה חסרו לו כלי שתיה של כסף וזהב, וטעמו ונימוקו עמו, משום, דיוצא מגמ' פסחים ק"ח ע"ב, ששבח ליהנות ממראיתו של היין, מדטעם לזכוכית משום דאיתא בגמ' ברכות נא, דאחד מדברים שנוצרך בכוס של ברכה דיהא לתת עיניו בכוס של ברכה, מש"ה צריך שיהא נראה היין, ובזכוכית נראית היין יפה, וכן נקט רמ"א בסי' קפ"ג סעי' ד' דעיקר להסתכל ביין ולא בכוס עצמו, מאידך הטו"ז סק"ד, והמג"א סק"ז הקשה עליו, שאין זו כוונת הגמ', ומה שאמרו ונותן עיניו בו היינו בכוס ולא במה שבתוכו.

18] כ"כ במקור חיים לחו"י סי' קפ"ג, ובכף החיים- סי' תע"ב איתא, דעפ"י סוד יש ליקח כסף ולא זהב, וכן מנהג רוב העולם, וכ"כ דם בסידור ר' שבתי- סדר הקידוש דף ס"ד ע"ב.

$360

איך טו צו
די זאך

איך העלף דעם
רבינ'ס זאך

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

אהוי

נאך א ספר
נאך א קונטרס
נאך א גליון
נאך א סידי
נאך



*sruliHeskel

פונעם רבינ'ס לויט

$1800

איך ברענג פאר הפצה

$1000

איך קום נעמט

נאך 5 וואכן!



# דעם רבינ'ס זאך

איך קום צום רבי'ן
מיט פולע טאשן
איך בין עוסק אין:

רופט שוין: 347.578.4449

# געדאנקען

## אז דו ווערסט אנהייבן ווערסטו ענדיגן

דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט אז אמת האט א קיום, שקר אין לו רגלים, ליגנט האט נישט קיין קיום.

לויט דעם קען מען פארשטיין א אינטערעסאנטע זאך, עס איז דא טריקס אין לעבן וואס די מקור פון די טריק איז אמת, במילא אפילו אויב דער באטרעפנדער זאל וויסן אז דו טוסט א טריק וועט עס נאך אלץ ארבעטן.

למשל, ביי חינוך איז דא אזא זאך אז נישט דאס שרייען מאכט מען זאל הארכן, אדרבה, אמאל אז מען רעדט שטיל רואיג און געלאסן הערט מען בעסער, און אמאל אז מען שרייט ווי א פארלוירענער וואס האט פארלוירן קאנטראל הערט מען ווייניגער די מעסעדזש וואס מען האט געוואלט דעליווערן.

אזוי למשל, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די בחורים אסאך מאל, אויב עטס ווילטס א טריק צו געפעלן פאר דעם ראש ישיבה וועל איך ענק זאגן א טריק, נעגל וואסער מאכט אז דער ראש ישיבה זאל האלטן פון דעם בחור.

די טריק איז אזוי גוט אז אפילו מען טוט עס פאר א טריק ארבעט עס, און, גראדע, ביידע פארדינען, דער בחור פארדינט, ווייל ער טראכט אז ער האט געמאכט א דזשאב אויף דעם ראש ישיבה און דער ראש ישיבה גייט האלטן פון אים, און דער ראש ישיבה האט פארדינט ווייל דער בחור האט געגרייט נעגל וואסער.

אמת מארץ תצמח, די אמת שפראצט ארויס, נעגל וואסער איז א אמת'דיגע הייליגע זאך און יעדער פארדינט דערפון, די נעגל וואסער איז אזוי הייליג און אזוי גרויס, אז עס מאכט די טריק שבו אזוי קליין.

און אזוי איז מיט יעדע זאך, לגבי שרייבן ארטיקלען אין די בלעטל, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אויב האסטו די ריכטיגע סחורה, אויב האסטו וואס צו שרייבן, דארפסטו נישט קיין פענסי אנגעשטעלטע געמאכטע חן'עוודיגע שרייבערישע ווערטער און אז דו האסט נישט וואס צו שרייבן וועט דיר נישט העלפן קיין פענסי אנגעשטעלטע געמאכטע חן'עוודיגע שרייבערישע ווערטער.

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט, פארוואס הערן אזוי סאך מענטשן די דרשות אין ישיבה? ווייל מען זאגט נאכאמאל די אמת'דיגע פשוט'ע ווערטער אז דער באשעפער איז דא און ער הערט אויס יעדן איינעם און יעדער קען זיין נאנט צו אים, אויב האסטו נישט די אמת'דיגע פשוט'ע ווערטער וועט דיר נישט העלפן סיי וואס פארא מעכטיגע צויבערדיגע גוט-זאגערדיגע ווערטער.

און אזוי איז מיט באשרייבן א יארצייט, ווען מען רעדט פון צדיקים וואס זענען געווען גרייט צו שטארבן פאר'ן באשעפער יעדע רגע, איז דא וואס צו הערן, סיי ווי פשוט מען לייגט עס אראפ, אויב רעדט מען פון די יארצייט פון א מענטש

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

וואס איז נישט געווען דער גרויסער ווער ווייסט וואס, מעגסטו ברענגען די גרעסטע שרייבערס און רעדנערס און עס וועט קלעבן ווי באנדלעך צום וואנט.

ווען מען רעדט פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר זי"ע וועמענ'ס יארצייט איז דעם זונטאג, אז מען ברענגט בלויז די טרוקענע פאקטן טוט מען שוין תשובה, פון בלויז זען ווי עס זעט אויס די לעבן פון א צדיק עלי אדמות.

דער רבי איז געבוירן י"ז טבת תרמ"ז צו זיין טאט'ן דער הייליגער קדושת יום טוב זכותו יגן עלינו.

דער קדושת יום טוב איז געווען דעמאלטס פופציג יאר אלט.

דער הייליגער קדושת יום טוב איז געווען פיר און פערציג יאר אלט ווען ס'איז געבוירן ביי אים זיין ערשטע קינד! דאס איז געווען דער הייליגער עצי חיים זי"ע וואס איז געבוירן אין יאר תר"מ.

אלץ אינגער אינגל איז רבינו הקדוש מ'סאטמאר געווארן א חתן צו די טאכטער פון זיין ערשט געשוועסטער קינד, פלאנטשער רב זי"ע, וואס ער איז געווען א אייניקל פון ייטב לב זי"ע, ווייל דעם פלאנטשער רב'ס טאטע, רבי משה'לע ראזוואדאווער, איז געווען א איידעם ביים ייטב לב.

די חתונה איז געווען אין יאר תרס"ד, די חתונה איז געווען אין סיגוט.

נאך די חתונה האט דער רבי געוואוינט אין שטאט סאטמאר, דערנאך אין ארשיווע אלס שטאטס רב, און ביים אויסברוך פון די ערשטע וועלט מלחמה איז ער אנטלאפן קיין סאטמאר, דערנאך אין קראלי אלס רב, דערנאך איז ער געווארן רב אין סאטמאר.

ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז ער געווארן געראטעוועט קיין שווייץ אין די נאכט פון כ"א כסליו תש"ה וואס איז לכבוד דעם א יום טוב ביי הונדערטער טויזנטער אידן איבער די וועלט.

סוף תש"ה איז דער רבי אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

ווען עס האט זיך אים אנגעזאמלט חובות פון בויען מוסדות און פון טיילן צדקה, איז דער רבי געפארן קיין אמעריקע צו שאפן געלט, אנגעקומען איז ער ראש השנה תש"ז.

תש"ח ווען די בלויזקעפיגע אוכלי נבילות וטריפות האבן מכריז געווען א מדינה וואס זיי וועלן רופן די "אידישע" מדינה מיט געזעצן וואס וועלן זוכן אונטערצורייסן די אידישע תורה, איז אנטשטאנען א מהומה ביים אידנטום.

מענטשן וואס האבן נעבעך פארלוירן ווייב און קינדער ברודער און שוועסטער טאטעס און מאמעס האבן געפרעגט ווי אזוי וועט מען פארמיידן נאך א קריג היל"ת, געמיינט האבן מענטשן אז די טאנקען און עראפלאנען פון די בלויזקעפיגע וועט גאראנטירן עס זאל קיין שלעכטס נישט פאסירן פאר אידן מער, א טעות האבן זיי נעבעך געהאט, פון בלויזקעפיגע קען קיין מנוחה ושלוה נישט ארויסקומען, און פון בלויזקעפיגע אנטי-דת'ניקעס זיכער נישט, אויב עפעס

> אויב האסטו וואס צו שרייבן, דארפסטו נישט קיין פענסי אנגעשטעלטע געמאכטע חן'עוודיגע שרייבערישע ווערטער און אז דו האסט נישט וואס צו שרייבן וועט דיר נישט העלפן קיין פענסי אנגעשטעלטע געמאכטע חן'עווודיגע שרייבערישע ווערטער.

קענען זיי ערגער מאכן.

ביים מכריז זיין די גרינדונג פון ממשלת הכופרים איז אויך אנוועזנד געווען פון רעליגיעזן לאגער, וואס האבן געהאלפן שטופן די גרינדונג פון די ממשלת הכופרים, מיט די אלטע כלומר'שטע טענה אז דאס מיטארבעטן מיט כופרים קען זיין עפעס הילפבאר.

ווען רבינו הקדוש מ'סאטמאר האט אויסגעשריגן אז מען זאל נישט האבן קיין שום שייכות מיט די געכאפטע פריצייטיגע גאולה דורך כופרים און שונאי הדת האט מען פון אים געלאכט און געשפעט, צענדליגע יארן שפעטער און די שנאת הדת איז נישט מיט קיין האר ווינציגער טראץ דאס זיצן מיט זיי בשותפות פאר אכציג יאר.

איינער האט געזען לעצטנס ביי א הפגנה א בחור'ל פון די נישט סאטמארע קרייזן, זאגט ער אים ווער האט דיך געלערנט אז ס'איז דא אזא זאך ווי לוחם זיין קעגן די כופרים און נישט זיך לאזן פון זיי, אפשר דארפסטו מחילה בעטן ביים ציון פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר וואס נעכטן האסטו פון זיין שיטה געלאכט און געשפעט, ווער ווייסט ווען נישט די הפגנות פון יארן צוריק ווען יעדער האט געלאכט מיט וויפל ביטערער וואלט געווען די שנאת הדת בארץ הקודש.

זונטאג פרשת תולדות תש"י האט דער רבי געלאזט רופן הרה"ח מוה"ר יודל ראזנבערג ז"ל און געזאגט אז עס איז שוין געקומען די צייט צו גרינדן א תלמוד תורה.

ר' יודל האט געפרעגט וואס מען וועט לערנען, האט דער רבי געזאגט חומש רש"י און גמרא מסכת ביצה, האט ר' יודל געזאגט אז ער פארמאגט נישט קיין ביצה גמרא, האט דער רבי זיך אויפגעשטעלט און ארויסגענומען א גמרא מסכת ביצה וואס האט באלאנגט פאר'ן קדושת יום טוב זי"ע און געגעבן פאר ר' יודל.

צוויי טעג דערויף האט זיך געעפנט די חדר, דינסטאג פרשת תולדות האט זיך אנגעהויבן די סאטמארע חדר אין אמעריקע, אין שטוב פון ר' יודל, די צאל פון תלמידים איז געווען אכט קליינע קינדער, די וועלט האט נאך דעמאלטס נישט געהאט קיין אנונג אז פון די אכט ארימע תלמידים וועט זיך די זאך צושפרייטן צו א אימפעריע פון א הונדערט צוויי הונדערט טויזנט אידן יראים ושלמים.

מיר וועלן בעזר השם קומענדיגע וואך שרייבן נאך פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו.

דערווייל דארפן מיר זיך לערנען פון צדיקים אז קודם הייבט מען אן, דער אייבערשטער וועט שוין מאכן עס וועט ווערן שענער און גרעסער און שטערקער.

קודם הייב אן א שיעור אין ש"ס, אז דו וועסט אנהייבן וועסטו ענדיגן.



# מעשיות פון תפילה



**דומ"ץ דקהילתינו שליט"א** | קרית ברסלב

פארגאנגענעם וואך האט דער דיין שליט"א באזוכט אפאר טעג אין עיר הבירה לאנדאן.

אזוי ווי אנשי שלומינו אין לאנדאן האבן געהערט אז דער דיין שליט"א געפינט זיך דא אויף א קורצן באזוך, האט מען אים געבעטן ער זאל אריבערקומען איבערגעבן א שמועס פארן ציבור אינעם בית המדרש היכל הקודש

דער ציבור איז זיך צוזאמענגעקומען אין בית המדרש צו הערן דברי חיזוק.

ביים סוף פונעם שמועס האט דער דיין שליט"א דערציילט וויאזוי ער איז אנגעקומען קיין לאנדאן דורך א מעשה פון תפילה.

ער האט געדארפט האבן א וויכטיגן אפוינטמענט ביי א דאקטאר אין לאנדאן, וואס אין געווענטליכע אומשטענדן נעמט צווישן 6 חדשים ביז א יאר צו באקומען אן אפוינטמענט. ווען ער האט געפרעגט דעם טרעוול אגענט מו"ה אלי' קנאל הי"ו איבער טיקעטס, האט ער אים געזאגט אז די פרייזן זענען זייער טייער, אבער ער האט באמערקט אז סוף חודש יולי למספרם איז עס אסאך ביליגער.

דער דיין האט באשלאסן עס צו בוקן, כאטש ער האט נאך נישט געהאט קיין אפוינטמענט.

ער האט גערופן בעטן אן אפוינטמענט אויף יענעם דאטום, אבער מ'האט אים געזאגט אז עס איז אינגאנצן פול.

ער מיט זיין ווייב האבן געבעטן דעם אויבערשטן עס זאל יא זיין אן אפוינטמענט יענע צייט, און דערנאך האבן זיי ווידער גערופן צום דאקטאר – און פלוצלינג זאגט די סעקרעטאר אז יא, עס איז דא א פלאץ!

ווען זיי האבן געפרעגט וויאזוי דאס האט פאסירט, האט זי געענטפערט אז דער דאקטאר האט געפלאנט ארויסצוגיין אויף וואקאציע יענע וואך און האט טאקע געלאזט די וואך ליידיג פון אפוינטמענטס, אבער יעצט האט ער פלוצלינג באשלאסן ארויסצופארן א וואך שפעטער, און אזוי איז צוגעקומען א גאנצע וואך וואס ער קען אויפנעמען פאציענטן.

אז מען שרייבט שוין פונעם באזוך, וועלן מיר שוין שרייבן אפאר שורות פונעם שמועס וואס דער דיין שליט"א האט געגעבן.

ער האט אויפגעפאדערט דעם ציבור אוועקצושטעלן א קבוע'דיגן שיעור אין גמרא יעדן טאג אין בית המדרש.

ער האט דערציילט וויאזוי דער ראש ישיבה האט אים געבעטן פארצולערנען א שיעור גמרא יעדן טאג, און אים אנגעזאגט אנהאלטן דעם שיעור מיט עקשנות – אפילו אויב עס זענען דא בלויז צוויי באטייליגטע.

אויך האט דער דיין האט ארויסגעברענגט זיין גרויסע הנאה פון די ברייטע הפצה אקטיוויטעטן וואס גייען פאר אין לאנדאן דורך דעם גרויסן מפיץ מו"ה אפרים נאוואגראצקי הי"ו, וואס דרוקט און פארשפרייט הונדערטער גליונות יעדע וואך.

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו

וזוגתו פערל תחי'

צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב

עב"ג

## מו"ה משה וויינבערג הי"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


dominogrp.com

loop PLUMBING

Reliable plumbing solutions

917.202.1206


## מוזיק

עס ווערט געזוכט א נדבן פאר מוזיקאלישע עקוויפמענט פאר בית מדרשינו ד'האשקי,

ביטע זיך מעלדן צו די גבאים.


## און עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161

ads@bletelmagazine.com


# קלאסיפיידס

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר שבתים און ימים טובים.

רופט ראובן בירנבוים

347-549-5625






Selling static lipstick and makeup products.
Perfumes and more

call 347-415-2888
Tami Pinter

## Phone services

We offer quality phone sales and expert repair services!

We also specialize in camera repairs.

רופט יודל פעלדמאן

845-538-1114

בס"ד

CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND

# Stay Connected

## WITH PROTEK

### TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE

BRAND NEW AVAILABLE!



KYOCERA DuraXV

FROM $325



KYOCERA DuraXV EXTREME

FROM $330

HOT!! BRAND NEW AVAILABLE!



KYOCERA CADANCE

$300

REG. $350

FREE! YIDDISH KEYPAD STICKERS



TCL FLIP 2

FROM $95

FREE CASE



WONDER PHONE
(Waze on car screen)

$399



LETAHER WAZE

$349



TAK PHONE
(Waze on car screen)

$275

REG. $330



BLISS B1

$130

FREE! POWER BANK



POM PHONE
TALK ONLY / TALK & TEXT

$370

FREE! POWER BANK



POM CLASSIC
TALK ONLY / TALK & TEXT

$289

UNLOCKED



LG CLASSIC FLIP

$210

REG. $240

MP3

over 40 options available!

call us for advice

PROTEK Catskills
PURE CONNECTIVITY

HOT!!



SAMVIX X9200

$269

Optional: No video playback



SAMVIX X8400

$209

Optional: No video playback

FREE DAILY DELIVERY!
TO ALL BUNGALOW COLONIES & CAMPS
'SAME DAY' FOR ALL ORDERS ORDERED UNTILL 4:00



AKITO PICO-H

$119



SUMMER BUNDLE DEAL!!

SONIM XP3800
with 2 months unlimited service included!

$139

845.999.TALK(8255)

All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# רייס אויף דעם בארכע

אין די פרווה צייט צווישן די חופה און די סעודה, ווען די משפחה דרייט זיך ארום אין דעם זאל און יעדער ברודער קוקט אויפ'ן צווייטן צו זען ווען און וואו ער גייט זיך זעצן, דריי איך זיך אויך אַזוי ארום איך וויל שוין זיצן; לאמיר זען וואו מיין משפחה וועט זיך זעצן...

קוקנדיג אויף מיין עלטערע ברודער, זע איך ווי ער שפאנט צום סינק זיך צו וואשן אהה, שוין ענדליך! אז ער וועט זיך זעצן, וועל איך זיך אויך גיין וואשן און זיך זעצן.

ווי ער ענדיגט זיך וואשן גיי איך צום סינק זיך אויך געבן א וואש אבער צום באַדויערן זע איך ווי מיין ברודער - גלייך נאָכ'ן אָפּטרוקענען די הענט - אנשטאָט מאַכן א רעבישע ברכה, געבט ער א רוף אויס: "מעריב אינדרויסן!"

שוין, וואָס קען שוין זיין? אַז מ'האָט שוין געווארט ביז אהער וועל איך שוין דאווענען מעריב יעצט, און דערנאך וועט זיך האָפּנטליך איינער פון מיין משפחה דערבאַרעמען און זיך זעצן צו די סעודה.

"השם אחד ושמו אחד..." נו, יאַללאַ, געווג געפעניעט צייט איז אזא טייערע זאך איך שוין נישט כח זיך צו דרייען ארויף און אראפ און באטראכטן יעדע מאלדינג אינעם זאל לאמיר זיך שוין זעצן...

אבער פונקט ווען די ישועה קוקט אויס אזוי נאענט איז מיין לומדישער שוואגער אריין אין א טיפן הלכה'דיגן שמועס מיט מיין אנדערע ברודער איבער דברים העומדים על הפרק. איך האָב פרובירט צוצולייגן אַן אויער, אבער האלב ווערטער האב איך נישט פארשטאנען...

איך דריי זיך אויס צום צווייטן זייט פונעם זאל; מיין אנדערער קאזין ערקלערט דארט פאר מיין שוואגער אז ווער ס'האט נישט קיין לייף אינשורענס איז א פשוטער הפקר-יונג, און אויב ער ווייסט וואס איז גוט פאר אים, זאל ער זאפארט מאכן לייף אינשורענס! ווייל מען ווייסט דאך... מ'קען קיינמאל נישט וויסן...

איך פוץ אפ פון יענעם שמועס ווען ס'פאלט מיר ביי אז אפשר גייען זיי אויך אויס פאר הונגער, און זיי ווילן שוין אויך קענען אויפרייסן די קריספי בארכע איבער א פיינעם סלייס סעלמאן פיש, נאר זיי טראכטן: וואו זאל איך זיצן? אפשר קוקן זיי אויף מיר און טראכטן, נא זעץ דיך שוין, וועלן מיר זיך אויך זעצן..." און דערווייל לויף איך ארום פון קופקע צו קופקע.

מיט א האלבע שמייכל טראכט איך נישט קיין צוויי; איך גיי צום סינק, איך געב זיך א וואש איך זעץ זיך ביים ערשטן ליידיגן טיש.

עס קלינגט אפ אינעם זאל אן "המוציא" ווי עס ברויך צו זיין, און נאך

**ישראל דוד העסקעל**



פאר איך האב באוויזן אראפצושלינגען דעם ערשטן ביס, איז דער טיש שוין געווען פול.

מימיני טוט זיך אן הלכה'דיגער קאך מיט הויכע טענער, מען ווארפט נעמען פון רבנים און דיינים וואס איך האב קיינמאל נישט געהערט.

משמאלי גייט דא באלד אן אומשולדיגער אינגערמאן חתמ'ענען א לייף אינשורענס פאליסי, אן האבן אן אנונג פארוואס, פארוואו און פארוועו...

איך געב נישט צופיל פאקוס, נישט צום רעכטן און נישט צום לינקן. איך קוק גראד פאראויס; פאר מיר ליגט א גוט שטיקל פיש. ער טענה'ט נישט, ער שרייט נישט, ער זאגט נאר: "נעם א גאפל און מאך דיך מחיה..."

די עכטע דילעמע האט זיך אנגעהויבן נאכן פארענדיגן די חלה מיט די פיש: וואס טוט מען יעצט? אין מיין טאש האב איך טאקע א קליין משניות'ל, אבער איז יעצט די צייט דערפאר?

אוי, די בלבולים הייבן אן צו טרייבן... שכח אייבערשטער אז קיינער דא ביים טיש קען נישט זען וואס איך טראכט, אוי וואלט דאס געווען בזיונות!

ס'הייסט אויסנוצן די צייט? אדער אפשר הייסט עס זיין פאני און נישט נוצן דעם שכל?

אבער למעשה, אזוי ווי נישט אויף די רעכטע זייט און נישט אויף די לינקע זייט טוט זיך עפעס דברים של תכלית, איז וואס איז בכלל די שאלה? דא קומט אריין: לאך זיך גוט אויס, נעם ארויס דיין משניות און קריך ארויס פון עולם התוהו.

אבער אויב נעם איך דא ארויס מיין משניות, וועלן זיך ביידע קופקעס לכאורה ענדיגן און גראד פאלן אויף מיר: "וואס איז די פשט פון זיצן ביי א משפחה שמחה מיט א משניות? מ'קען שוין נישט רעדן מיט דיר? מיינסט אז דו ביסט עפעס בעסער פון א צווייטן? בכלל, וואס איז די זאך פון זאגן? פון די גאנצע טאג האסטו נישט געטראפן קיין צייט ווען צו לערנען, נאר פונקט ווען די משפחה זיצט אינאיינעם ביי א שמחה?"

מיין האנט פארט אריין אין טאש. זאל איך יא? זאל איך נישט? ווער קוקט בכלל אויף דיר? וועמען גייט אן וואס דו טוסט?

פלוצלינג געבט מיין נעפיו א כאפ אן מיין ציצית און פרעגט מיר: "וועלכע תכלת איז דאס? די ראדזינער? די עכטע? די נייע? די אלטע? האט איר אן אייגענעם מנהג?"

"די תכלת וואס איך טראג," ענטפער איך אים, "איז די בלויע וואס דערמאנט פונעם קאליר פונעם הימל, וואס דאס דערמאנט פונעם אייבערשטן. דעריבער, ווען איך קוק אויף מיין ציצית דערמאן איך זיך אז דער אייבערשטער איז דא; אזוי פארגעס איך נישט פונעם אייבערשטן, און איך ווייס אז וואס ס'גייט איבער אויף מיר קומט פונעם אייבערשטן. מיט די סארט תכלת גיי איך."

"יא, איך ווייס, איך קען ענקערע זאכן. איך ווייס פון ח"י פרקים, פון התבודדות, איך האלט פון דעם, ס'איז זייער שיין. אבער ס'איז דא עטליכע סארטן תכלת, איך וויל סתם וויסן אויב דו גייסט מיט די עכטע..."

אויב ס'איז דא אן "עכטע", דאן וואו איז דיין תכלת? טראכט איך צו זיך...

שבת צופרי פארן דאווענען האט דער ראש ישיבה געשמועסט אז ס'איז דא מענטשן וואס קענען דעם טייטש פון

יעדע ווארט אינעם זוהר, ער פארשטייט יעדע בחינה און איז באהאוונט מיט די שמות, אבער ער קעשט גארנישט ארויס אויף לעובדא ולמעשה.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט וואס דער רבי האט געזאגט, אז מענטשן זאגן אז אין ליקוטי מוהר"ן קען מען טרעפן שטיקלעך פון תיקונים, אבער זיי ווייסן נישט אז ליקוטי מוהר"ן איז דער שליסל צום תיקוני זוהר!

דער ראש ישיבה האט עס אויסגעשמועסט: "דו קענסט אלעס וויסן און פארשטיין די טיפע סודות, קענען די שמות, אבער דו קענסט עס נישט נוצן אויף דיר אליין. אן דעם רבי'ן זענען אלעס בלויז בחינות, אלעס איז אותיות פורחות באוויר."

אבער מיט די הקדמות פונעם רבי'ן, אפילו דו קענסט נישט די שמות און דו פארשטייסט נישט רוב ווערטער, ווייסטו אבער אז דא שטייט אז דער אייבערשטער דארף מיך, דער אייבערשטער האט מיך אויסדערוועלט, און דער אייבערשטער האט מיך ליב!

די זעלבע זאך האט דער ראש ישיבה געזאגט בנוגע דאווענען: ס'דא מענטשן וואס קענען דעם פונקטליכן טייטש פון יעדעס ווארט אינעם דאווענען, אבער ווען ס'קומט צום דאווענען אליין, שטייט ער ווי א פארלוירענער און ער ווייסט נישט וואס ער זוכט דא. אבער מיט'ן רבי'ן, אפילו מען פארשטייט נישט יעדעס ווארט פונעם דאווענען און מ'ווייסט נישט פונקטליך די גענויע אפטייטש, דאווענט מען דאך און מ'איז זיך מחיה דערמיט; דאווענען, מ'ווייסט אז מ'רעדט צום אייבערשטן און דער אייבערשטער הערט אונז אויס.



דער ראש ישיבה האט ממשיך געווען: "אין די וועלט איז זייער אנגענומען די זאך פון לייגן יעדן מענטש אין א קעסטעלע - ער איז אן 'איינזער', ער איז א 'פינפער' - מען זיגלט אפ א מענטש לויט א געוויסע בחינה אדער נאטור.

אין די וועלט איז זייער אנגענומען די זאך פון לייגן יעדן מענטש אין א קעסטעלע - ער איז אן 'איינזער', ער איז א 'פינפער' - מען זיגלט אפ א מענטש לויט א געוויסע בחינה אדער נאטור. אבער ביים רבי'ן איז נישט דא אזא זאך!

אבער ביים רבי'ן איז נישט דא אזא זאך! דו קענסט היינט אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, דו קענסט היינט אנהייבן זאגן משניות, און דו קענסט היינט אנהייבן צו רעדן שיין אינדערהיים.

אלע בחינות, תורות און לומדות זענען נאר געמאכט צו ברענגען דעם מענטש צו א פשוט'ע אמונה, צו גלייבן אז אלעס איז דער אייבערשטער, אלעס מאכט דער אייבערשטער, און אויסער אים איז גארנישט דא."

א מחיה אז מיר האבן א צדיק וואס וועקט אונז אויף לעובדא ולמעשה, אז מיר זאלן זיך נישט זען פליען ווי פליטעס, - אלעס קענען און גארנישט וויסן.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן די לימודים, אז אין יעדן מצב זאל מען זיך גלייך קענען אויפהייבן און טון רצון השם אויף לעובדא ולמעשה!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# אַ בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:

ווינטער זמן שנת תשע"א, אויפן פארטש פון ישיבה ביים ביאלא שול אין בארא פארק




1. אברהם הערש וועבערמאן
2. שמואל גליקמאן
3. יחזקאל סאמעט
4. יצחק אהרן ווײַנבערג
5. אייזיק ראטה
6. יואל לאנדא
7. שמואל דוד ברוין
8. שמואל מרדכי יאקאבאוויטש
9. ראש ישיבה שליט"א

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב









**בר מצוה פון הבחור נחמן נתן נ״י בן מו״ה משה אריה שניצטלער הי״ו אין ביהמ״ד ירושלים אין שטעטל - א׳ עקב**





**אפשערן און חדר פירן פון הילד שמעון נ"י בן מו"ה יואל הכהן לאנדא הי"ו אין שטעטל - א' עקב**









**מיטונגען אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין - א' עקב**



הרה"ג רבי יקותיאל טייטלבוים שליט"א ראש הכולל ד'סאטמאר קיעפ אין א שמועס מיט די כולל אינגעלייט אין שטעטל - א' עקב



הנחת תפילין פון הבחור חיים ני"ו בן מו"ה שמשון הערש טייטלבוים הי"ו אין שטעטל - א' עקב



דער ראש ישיבה שליט"א ביים זיך וואונטשן מזל טוב מיטן מנהל הרב אברהם משה שטראססער שליט"א צום געבורט פון אן אייניקל - א' עקב



סיום מסכת שבת פון הילד רפאל ני"ו בן המנהל הרב יצחק פאפענהיים שליט"א אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - עש"ק ואתחנן





מיטינג אין שטוב סונעם ראש ישיבה שליט"א אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין - א' עקב

















**נשי חיל מסיבה אין שטעטל - ב׳ עקב**




**א בליק אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק - ג' עקב**




**דער דיין שליט"א אויף א באזוך אין ביהמ"ד היכל הקודש לאנדאן - ג' עקב**




**אפשערן און חדר פירן פון הילד יוסף שלמה ני"ו בן מו"ה משה ראזענבערג הי"ו אין שטעטל - ד' עקב**



















פרייליכע חתונה פון החתן אברמי הי"ו בן מו"ה יעקב לעזער הי"ו עב"ג בת מו"ה עזרא בוים הי"ו אינעם בנין התלמוד תורה אין קרית ברסלב ליבערטי - ד' עקב



נייע פראגראם 'מטבעות חז"ל' אין כיתה פון מו"ה יוסף כ"ץ הי"ו
אין תלמוד תורה בית שמש - ד' עקב



שמועסן נאכן דף שיעור אין גן עדן התחתון אין
שטעטל - ה' עקב





5,000 מעשה'לעך פאר קינדערלעך נומער 5 אנגעקומען אינעם קרן הדפסה אין שטעטל - ה' עקב





די גרעסערע כיתה פון תלמוד תורה בית שמש ביים זיך שפילן אין פארק - ה' עקב















**די קלענערע קינדער פון תלמוד תורה בית שמש ביים זיך שפילן אין פארק - ה' עקב**








**די גרעסערע כיתות פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי ביים ציון פון הרה"ק מריבניצא זי"ע און ביים זיך שפילן אין א פארק - ה' עקב**




ליל שישי שיעור אין שטעטל - ה' עקב




ביהמ"ד היכל הקודש אלעד שיין אנגעגרייט לכבוד שבת קודש - עש"ק עקב




דער ראש ישיבה שליט"א אויף א באזוך אין מחנה אילן החיים - א' ראה










מלוה מלכה אינאיינעם מיט א שבע ברכות פאר החתן אברמי הי"ו בן מו"ה יעקב לעזער הי"ו עב"ג בת מו"ה עזרא בוים הי"ו אינעם ביהמ"ד אין שטעטל - מוצש"ק עקב













**מסיבה אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין אין ארץ ישראל - א' ראה**

בס"ד

פרשת ראה
אויסגאבע # 30

# אינערהיים



## דערגרייכט מיין ציל (גאול)

מ. פעדער

**די זון, די לבנה, מיט די שטערנס**
ג. פעקעטע

**רעספי**
זכור בונדלער

# אינדערהיים







**בס"ד**
ראה
תשפ"ו
**נומער 30**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

Inderheim@bletelmagazine.com
Kinderheim@bletelmagazine.com

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידישע שטוב:
**212.444.9169**


בעזרת השם יתברך
dominogrp.com
בית פיגא ברסלב טוט פארשטעלן:
צער
בן מלך
פון
דיימאנטן
Admission:
$40
Sunday, August 16 2:00 PM | Sunday, August 16 8:00 PM
112 College Road, Building E Loch Sheldrake, NY 12759
For reservations / Ticket Info: 845.803.4697
NO STROLLERS | AGES 8+

# הער א מעשה

13 איבערגעבן א מעשה פון תפילה רופט ל. וועבערמאן 845-662-4083

## ס. ב.

קרית ברסלב

1. שכח אייבערשטער אז מיין שוויגער האט חתונה געמאכט. ס'איז געווען אסאך קליינע דעטאלן וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל זיך אויסארבעטן, און איך האב קלאר געזען ווי דער אייבערשטער האט צוגעהערט מיין תפילה, אז איך זאל קענען אנקומען צו די שמחה רואיג און מסודר.

אין וויכטיגע זאך איז געווען, אז איך האב ברוך השם געהאט א בעיבי, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דאס קינד איז שוין אלט געווען צוויי וואכן ביי די חתונה. א דאנק דעם האב איך שוין געקענט האבן די איבעריגע קינדער אינדערהיים מסודר, און איך האב שוין געהאט אביסל כוחות צו קענען אלעס מיטהאלטן ביי די חתונה.

2. אזוי אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז יעדער זאל האבן שיינע קליידער אנצוטון. דער אייבערשטער האט מיר ממש ארייגעשיקט א הערליכע גאון (gown) פאר מיין מיידל, און פאר מיין אינגל האב איך נאך געדארפט צוקויפן א שאל וואס זאל זיין פונקט די ריכטיגע קאליר. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען אין סטאר עס צו קויפן, שכח אייבערשטער, איך האב עס טאקע געקענט ערלעדיגן.

3. איך האב אויך געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן א גוטע בעיביסיטער פאר מיין בעיבי. און אויף נאך אסאך קליינע זאכן; שכח אייבערשטער, אלעס איז אזוי שיין אריינגעפאלן אין פלאץ.

## פ. רוטה

קרית ברסלב

1. עס איז געווען א גאר פרייליכע חתונה דא ביי אונז אין שטעטל.

מיין פלאן איז געווען סך הכל אריינצוכאפן א מזל טוב און גלייך צוריקצולויפן אהיים צו מיין בעיבי איך צו קענען געבן עסן. איך האב אפילו נישט מיטגענומען דאס קינד מיט מיר, נאר איך איבערגעלאזט מיט א בעיביסיטער, מיינענדיג אז איך וועל גלייך צוריקקומען.

אבער ווען איך בין אנגעקומען צו די חתונה, איז די שמחה געווען אזוי פרייליך, אז עס האט גארנישט אויסגעזען ווי איינער פלאנט בקרוב אהיימצוגיין. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א וועג אהיים,

שכח אייבערשטער, ממש עטליכע מינוט שפעטער האב איך געטראפן א וועג אהיים.

2. איך האב זייער געוואלט אנפילן דאס הויז מיט אלע גוטע עסן. איך האב פשוט נישט געהאט קיין צייט אליין אראפצוגיין אין גראסערי.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל כאטש קענען מאכן א פאון ארדער.

שכח אייבערשטער, איך האב טאקע מצליח געווען צו מאכן א גוטע פאון ארדער, און דאס הויז איז געווארן פול מיט אלע גוטע עסן.

מ. פעדער

# דערגרייכט מיין ציל (גאול)



געווען איז עס איין גרינעם דינסטאג ווען דער קעניג האט צוזאמגערופן זיינע דריי זין צו א וויכטיגער זיצונג. די קינדער זענען פלינק געקומען, גרייט צו הערן דעם טאטנס ווערטער.

זיי קומען אריין אינעם פראכטפולן צימער וואס איז געווען באשטימט פאר די פריוואטע זיצונגען פונעם קעניג. דער קעניג זיצט שוין ביים טיש און באטראכט זיי מיט אן ערנסטן פנים. זיי זעצן זיך יעדער אויף זיין באשטימטן פלאץ, נייגעריג צו הערן וואס דער טאטע וויל זיי זאגן.

"מיינע טייערע קינדער," הייבט ער אן מיט אן ערנסטער שטימע, "צי זענט איר מיר געטריי?"

"זיכער טאטע!" רופן זיי אויס.

"איך נויטיג זיך אין ענקער הילף," זעצט ער פאר.

"זיכער," ענטפערן זיי מיט א ברען, "מיר זענען גרייט צו טון אלעס וואס דער טאטע בעט."

אויפן קעניג'ס געזיכט שפרייט זיך אויס א צופרידענער שמייכל. ער ווינקט פארן באדינער, וועלכער קומט און טיילט אויס פאר יעדן קינד א פלענט.

"דאס איז וואס איך בעט פון ענק" ערקלערט דער טאטע, זעענדיג זיינע פארוואונדערטע בליקן. "יעדער פון ענק זאל זיך אפגעבן מיט זיין פלענט, אים באוואסערן און ארייינלייגן הארץ און מח ער זאל קענען שיין וואקסן. אין א חודש ארום וועלן מיר זיך מיטן אייבערשטנ'ס הילף נאכאמאל דא טרעפן און זען די תוצאות פון ענקער ארבעט."

די קינדער גייען ארויס פון די זיצונג עטוואס צומישט, אבער אזוי ווי דאס איז דעם טאטנס ווילן, וועלן זיי עס מיט פרייד אויספירן.

דער יונגסטער פון די קינדער גייט אריין אין זיין צימער און זוכט אויף א גוט פלאץ וואו צו לייגן זיין פלענט, ענדליך מאכט ער אפ עס צו לייגן ביי א

<

זייטיגע פענסטער, כדי עס זאל האבן די ליכטיגקייט פון די זון אבער נישט געשעדיגט ווערן פון קיין ווינטן. מיט געטריישאפט באוואסערט ער עס טאג-טעגליך און געבט זיך אפ דערמיט מיט זיין גאנצן הארץ.

צוויי וואכן גייען אריבער און ער זעט נישט ווי עפעס רוקט זיך. ער פרובירט צו לייגן דעם פלענט אין א פלאץ וואו עס זענען נישט דא קיין זון-שטראלן, און דערנאך פירט ער עס אריבער צו א פלאץ מיט שטערקערע זון-שטראלן. ער פאלגט פונקטליך אויס אלע אנווייזונגען וואס דער גערטנער פונעם פאלאץ האט אים געגעבן, אבער גארנישט העלפט; קוים אפאר קליינע גראזעלעך וואקסן ארויס.

מען קומט שוין אן צום טאג וואס מען דארף זיך שטעלן פארן טאטן, און פאר זיך זעט ער אליידיגן פלענט מיט בלויז אפאר קליינע גראזעלעך אינמיטן. דער באדינער קומט זיי שוין רופן צום קעניג.

פארשעמטערהייט שטעלט ער זיך מיט זיין נעבעכדיגן פלענט, און באטראכט זיינע צוויי ברידער. זיין עלטסטער ברודער האלט א פלענט וואס איז הויך באוואקסן מיט הערליכע גרויסע רויטע בלומען, און זיין צווייטער ברודער האלט אויך א הויך באוואקסענעם פלענט אבער עס איז בלויז אנגעפילט מיט צווייגן און בלעטער.

דער טאטע שטייט דארט מיט א שמייכלדיג פנים. "איך בין זייער צופרידן פון ענק" שמייכלט ער צו זיי, "עטץ האט אויסגעפירט מיינע ווערטער פונקט אזוי ווי איך האב געוואלט." דער יונגסטער קינד לאזט אראפ זיינע אויגן מיט בושה.

"אבער טאטע, איך האב דאך נישט מצליח געווען!" ווייזט ער אויף זיין פלענט מיט טרערן אין די אויגן. "איך האב אזוי שטארק געוואלט און אזוי שטארק פרובירט, אבער למעשה האב איך נישט מצליח געווען אויסצופירן דעם טאטנ'ס ווילן."

דער טאטע שמייכלט צו אים א הארציגע שמייכל: "מיין טייער קינד, זיכער האסטו מצליח געווען!" זעענדיג דעם וואונדער ביי זיינע קינדער, ערקלערט ער זיי:

"איך האב ענק געבעטן זיך אפצוגעבן מיטן פלענט, אים באוואסערן, און אריינלייגן דאס הארץ און מוח. איך האב נישט געפאדערט פון ענק אז עס זאל עפעס ארויסוואקסן דערפון. מיין ציל איז געווען צו זען ענקער געטריישאפט צו מיר; איך האב געוואלט זען ווי שטארק ענק זענען מיר געטריי, און ווי שטארק ענק ווילן, בענקען, און פראבירן צו טון מיין ווילן.

די תוצאה ווענדט זיך אין דעם פלאנץ פלענט וואס יעדער איינער האט באקומען. איין פלענט האט די מעגליכקייט ארויסצוגעבן הערליכע בלומען, א צווייטער קען ארויסברענגען בלעטער, און פון א דריטן פלענט קענען נאר ארויסקומען קליינע גראזעלע. נישט דאס מיינט הצלחה, ווייל דאס איז נישט עפעס וואס ווענדט זיך אין ענק.

דאס וואס יעדער פון ענק האט געוואלט, פרובירט, און געטון וואס נאר מעגליך אויסצופירן מיין ווילן - דאס מיינט הצלחה!"

פיל מאל ווען עס קומט צו עבודת השם ווילן מיר זיין מושלם'דיג, און בפרט אונז אידישע מאמעס, ווען עס קומט צו פירן א שטוב, פאדערן מיר פון זיך זייער אסאך. מיר ווילן אז דאס הויז זאל אלעמאל זיין צאמגערוימט, עס זאל יעדן טאג זיין אנגעגרייט א ווארעמע סאפער, די קינדער זאלן שטענדיג גיין שלאפן פרי, מען זאל זיך קענען אפגעבן מיט זיי מיט א רואיגקייט, איך זאל מיך קיינמאל נישט פארלירן, זיך קיינמאל נישט רעגן, און שטענדיג נאר שמייכלען און רעדן שיין.

א טאג וואס מיר האבן זיך פארלוירן, אדער זאכן זענען געגאנגען אנדערש ווי געפלאנט, פילן מיר ווי דער היינטיגער טאג איז א דורכפאל.

אבער דער הייליגער רבי לערנט אונז אז דאס איז נישט אמת. הצלחה מיינט נישט אז אלעס גלאנצט און שיינט און אז אלעס קלאפט - דאס הויז, די קינדער, די וועש, וכדומה.

דאס וואס מיר פרובירן, מיר ווילן זיין גוט, מיר בעטן און האפן, מיר פאלן אדורך און מיר שטעלן זיך צוריק אויף - דאס מיינט הצלחה! דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז: מיר זאלן נישט אויפגעבן, נאר נאכאמאל פרובירן.

איך דערמאן מיך אין א זאץ וואס איך האב געהערט אלס מיידל פון מיין טיטשער אין סקול:

**דו דארפסט נישט אויפטון,**

**דו דארפסט נישט אפטון,**

**דו דארפסט נאר - טון.**

עס איז אמת אז מיר ווילן אויפטון, אבער אונזער הצלחה איז נישט די תוצאה; ווייל די תוצאה ווענדט זיך ביי יעדע איינע לויט די מתנות וואס זי האט באקומען פונעם אייבערשטן - די כשרונות, נאטורן, און אייגנשאפטן.

אונזער הצלחה באשטייט פון דעם - טוהן, פרובירן, פאלן, און זיך נאכאמאל אויפשטעלן. עס קען זיין אז מיר ווילן נאכאמאל פאלן, אבער ווי דער הייליגער רבי זאגט: "דער געווינער איז דער וואס געבט דעם לעצטן קלאפ".

דאס איז אונזער שיינקייט: דאס ווילן און דאס בענקען, דאס נישט אויפגעבן און נאכאמאל פרובירן - דאס מיינט הצלחה, און נאר אזוי קען מען דערגרייכן.

דאס זעלבע איז אויך ווען עס קומט צום קאמפיין. די ענדגילטיגע תוצאה - וואו איך האב דערגרייכט, צי איך האב געריעטשט מיין גאול אדער נישט, אדער וויפיל געלט איך האב למעשה אריינגעברענגט - נישט דאס מיינט הצלחה.

דאס וואס מיר זענען אלע געווען געטריי, מיר זענען אלע געשטאנען גרייט ארויסצוהעלפן, מיר האבן אלע געוואלט, פרובירט, און געטון וואס אימער מיר האבן נאר געקענט - דאס אליין מיינט הצלחה.

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## א טייערע פרי

אראנדזש, אראנדזש, ביסט אן אינטערעסאנטע מין,
קענסט נישט זיין ווי די טענדזשערין,
מיט א שאלאכטס אביסל מער דין?

איך קוק אויף דיר, uneven באר,
"מיס-שעיפט", איין זייט דיק, איין זייט דאר,
קענסט נישט זיין ווי די פרוכט סטאר?

און דו, שטרענגליך געהענגלער טרויבן,
פארוואס ביסטו נישט ווי די קענטעלאופן?
מיינסט מיין צייט טוט עס ערלויבן,
אראפצונעמען באליס איינס ביי איינס אראפקלויבן?

אזא גרויסע קערל האסטו, טשערי,
קענסט נישט זיין ווי די בלובערי?
גרינג, אן קיין קערל, אן קיין worry?

שלמה, פארוואס קענסטו נישט זיין צאמגענומען,
אביסל אזוי ווי דיין ברודער שמעון?
דיין רעכטע און דיין לינקע פאה זאלן שטימען.

איך קוק אויף דיר, מיין חיה דבורה,
ביסט דאך אזא פארשלעפטע סחורה,
קענסט נישט זיין מער פונקטליך ווי צפורה?

אוי, ווי איך וואלט מיר געטון פרייען,
ווען דו וואלסט געווען ווי דיין ברודער חיים,
אפילו א bulb קענסטו נישט אריינדרייען.

וואס גייט פאר מיט דיר, מאטל?
מאכסט פון יעדע זאך אזא בראטל,
קענסט נישט זיין ווי דיין שוועסטער פראדל?

ביי די פרוכט מאך איך נישט קיין פארגלייך,
ביי מיינע קינדער די זעלבע זאך.
א בארעלע האט דער אייבערשטער באשאפן צו זיין א בארעלע,
און אהרעלע האט דער אייבערשטער באשאפן צו זיין אהרעלע.
א פלוימעלע דארף זיין א פלוימעלע,
און שלמה'לע דארף זיין שלמה'לע.

**מיר קלויבן זיך נישט אונזער פירה,**
**אבער די attitude איז אונזער ברירה.**

כוחות און תפילה טו איינפלאנצן,
ס'איז גאראנטירט הונדערט פראצענט שאנסן.
"באשעפער, דו האסט מיר געגעבן קינדער פארשידענע,
העלף מיר האבן אויף זיי א בליק א צופרידענע.

איך זאל קוקן אויף יעדנ'ס לעכטיגע חלק,
מיין קינד מוז נישט זיין צו א צווייטן אייניג.
העלף מיר זייערע גוטע נקודות אנערקענען,
זיך פרייען מיט זיי אזוי ווי זיי זענען.

שכח אייבערשטער, שכח טאטע,
געלויבט ביסטו, ברוך אתה,
בורא פרי העץ, בורא פרי האדמה,
שכח פאר מיין יעדע לעכטיגע נשמה."

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

# Hemishe Chickpeas

S. LEVY

רעספּי פונדערהיים

## INGREDIENTS

1 bag raw chickpeas
Place in 9x13 bekela. Cover with water and leave to soak over night preferably in fridge.
In morning, drain water then add:
1 tbsp sugar
1 tbsp salt
1/4 tsp baking soda
Boiling water to cover chickpeas.

## DIRECTIONS

Cover and bake on 400 for 2 hours.

Line cookie sheet with paper towel then drain chickpeas and place on paper towel.

Sprinkle with black pepper and crushed red pepper flakes if desired. Place in container and cover as soon as possible to retain softness.



**זכור בונדלעך?!**

**יא די קענסט עס אליינס מאכן!**

לכבוד די שמחה, וואס ס'איז אונז ברוך השם געבוירן געווארן א יונגעלע, לייגן מיר אריין די רעסעפי פון היימישע זכור בונדלעך. שמחות ביי אייך בעזובטעררהייט.

# ב"ה מעשה'לעך 5
# אנגעקומען!








פון די
'מעשה'לעך
פאר קינדערלעך'
סעריע
אריינצוברענגען די
הייליגע ריינע אמונה
און יראת שמים
און די קינדער






קאלערינג ביכל






צו באקומען פאר הפצה
אדער פאר א יחיד
רופט שוין אריין קרן הדפסה
**718.387.2691**

און נאך וואס וועט ארויסקומען בקרוב בעז"ה



ג. פעקעטע

# די זון, די לבנה, מיט די שטערנס

די זון איז פארגאנגען אראפ אין א פלאם...

ענדליך האט זיך אויסגעלאזט דעם לאנגן, זומערדיגן, היציגן, שוויציגן טאג. שלאפן גיין... לייגן די קינדער אין בעט אריין... האט זיך פארצויגן אין אפאר שעה אריין.... ס'איז געווען א לאנגע טאג און א לענגערע נאכט.

אט איז שטיל געווארן.

איך כאפ זיך ארויס אויף א קליינע שפאציר, פרובירנדיג צו שעפן פרישע כוחות, שעפן אביסל לופט פון די געשמאקע ווינטל וואס האט שוין אנגעהויבן בלאזן, גרייטענדיג צום הייליגן ראש השנה. א מחיה, מ'קען אביסל אפוואקן דאס טאג, ארויסלאזן די סטרעס, שעפן פרישע כוחות, און גיין א מינוט'קעלע כאפן א שמועס מיט'ן אייבערשטן- אים געבן א run-down פונעם טאג אין די געשעפט ווי מיר זענען שותפים, און זיך לייגן שלאפן מיט אביסל עקסערסייז נאך אויך ארייגעשטופט אינעם טאג.

דאן הער איך עס. א קול.

איך טראכט אז איך חלום; אבער דער חלום ווערט העכער און שטערקער, און איך וועק זיך נישט אויףביים זיך ציפן, ווייל איך בין דאך קלאר אויף. איך נייג אן אויער, און איך הער, נישט צו ווייט, ביים שכנ'ס טויער טוט זיך א גערעאטשקע.

וואס גייט פאר?

איך בין נישט דוקא די נייגעריגע סארט, איך בין נישט ממש געגאנגען קוקן, איך האב נאר פשוט באמערקט אז עס קומט פאר דארט א בהלה.

איך בין שוין געווען אויפ'ן וועג

צוריק פון מיין קליינע שפאציר, און ווי נענטער איך האב געוואנדען מיין פוסטריט, איז מיר קלאר געווארן אז דער היינטיגער טאפ-זינגער, זינגט דא ביים שכן'ס הויף.

וואס גייט פאר? וואס איז היינט? וויאזוי קען דאס זיין?

ווען איך בין אנגעקומען הארט נעבן דעם שכן'ס אדרעס, האב איך געזען די מצב וואס שפילט זיך אפ. צענדליגע קארס זענען געווען געפארקט אינדרויסן, און די געיט וואס עפנט זיך אויף צו זייער בעקיארד, האט זיך געהאלטן אין איין עפענען מיט נייע אנקומענדיגע געסט.

איך האב שווער געקענט באהערשן מיין נייגער. וואס איז היינט? איך האב נישט געהערט זיי זאלן מאכן א שמחה, ס'איז דאך א פשוט'ע גרינע מיטוואך.

איך האב זיך געשטעלט אין א זייט און הנאה געהאט פון די קאנצערט וואס איך האב געהערט פון דעם גרויסן, בארימטן, און טאלאנטפולער זינגער.

ווען קומט מיר אויס א געלעגנהייט צו הערן א לייוו זינגער, נישט אויף א מוזיק דיוויים: וויאזוי מ'רופט אן די זאכן וואס שפילן אויף מוזיק, וואס קומען ארויס יעדן טאג מיט נייע נעמען ווייס איך נישט-מ'פלעגט עס אמאל רופן טעיפ רעקארדער.

איך האב הנאה געהאט אפאר מינוט פון די שיינע געזאנג, אויסגעהערט די ניגונים, ארויסגעהערט ווי עכטע לעפלעך און עכטע גאפלעך קלאפן קעגן עכטע טעלערס, און ווי עכטע גלעזלעך פאלן צו דער ערד, מיט פרייליכע לחיים'ס, ציקראכן זיך.

די שמעק פון אלע סארט געשמאקע מאכלים זענען נאכגעשוויומען יעדע פאר מינוט, מיט די געשמאקע ווינטל וואס האט געבלאזן.

ס'איז געווארן שפעט... איך האב געדארפט מאכן מיין וועג אהיים. שפאצירנדיג אהיים די צוויי קורצע גאסן אנצוקומען צו מיין הויז, האב איך באגעגענט א צווייטע פרוי, מיין שכנ'טע. ס'איז מיר געווען שווער צו באהערשן מיין נייגער, און איך האב זיך געלאזט צונאר לייגן און געפרעגט אפענערהייט, "וואס איז היינט די אקעיזשאן? וואס פראוועט מען היינט דארט אויף אזא אויסנאמע פארנעם? די שטיין'ס זענען דאך אזעלכע שטילע איידעלע מענטשן געווענליך."

"פרעג נישט!" זאגט זי צוריק, שנעל און מיט א קורצע אטעם.

"אזא רחמנות! די עלטערן זענען גע'גט, זיי האבן זיך ארומגעשלאגן



*ביי צפון האט מען געפרעגט די צובראכענע עלף יעריג מיידל, וואס א גאנץ סדר נאכט האט זי זיך געפילט אומבאקוועם, ווי און אומגעוואונטשענע גאסט, וואס זי וויל פאר אפיקומן. אלע זענען שטיל געבליבן צו הערן איר געבעט.*

אפאר יאר אויף קאסטעדי, און ענדליך האט דער טאטע באקומען רשות צו האבן די טאכטער מיט זיך- איינמאל אין צוויי וואכן.

פסח איז אויסגעקומען אז דער יונגערמאן האט זיך געטראפן מיט א פראבלעם- וואו זאל ער פראווען די סדר נאכט? ער האט זיין טאכטער טאקע, אן עלף יעריגע גרויסע מיידל, וואס איז שוין אדורכגעגאנגען צופיל פיין און ווייטאג מיטצוטיילן: דער גט פון אירע עלטערן וואס האבן זיך ארומגעשלאגן יארן פאר'ן און נאכ'ן גט."

ס'שטייט אין די גמרא, אז ווען עלטערן גט'ן זיך, וויינט דער מזבח. פרעגט זיך די שאלה, פארוואס פונקט דער מזבח? ווייל דער מזבח זאגט, מ'ברענגט שוין אזויפיל קרבנות אויף מיר, פארוואס זאלן ענק שחט'ן א קינד און דאס ברענגען פאר א קרבן? ווי מיר הערן כסדר פונעם ראש ישיבה, אז קינדער פון געג'גט'ע שטיבער פאלן ליידער אוועק אלס קרבן פון די מחלוקות.

מוהרא"ש זאגט פאר עלטערן זאלן קודם נעמען א גאן און שיסן רח"ל, ווי איידער דורכלייגן די קינדער די פרשה פון זיך גט'ן. (אוודאי דארף יעדער פרעגן דעת תורה).

"צום סוף האט זיך דער יונגערמאן בלית ברירה איינגעלאדנט צו א משפחה מיטגליד, וואו ער האט געפראוועט די סדר נאכט אלס גאסט ביי יענעמ'ס משפחה. א קאפל וואו ס'דא איינער וואס שלינגט, איינער בייגט זיך די קאפ, אבי צו האלטן די שטוב גאנץ".

"ביי צפון האט מען געפרעגט די צובראכענע עלף יעריג מיידל, וואס א גאנץ סדר נאכט האט זי זיך געפילט אומבאקוועם, ווי אן אומגעוואונטשענע גאסט, וואס זי וויל פאר אפיקומן. אלע זענען שטיל געבליבן צו הערן איר געבעט. אן טראכטן, האט זי ארויסגעזאגט איר באגער הויעך און קלאר:

"א בת מצוה פארטי איינס אין די וועלט, א venue וואס איז נאך קיינמאל געווען און וועט קיינמאל זיין!"

דער זייגער רוקט זיך, חצות איז נאנט, און מ'האט מסכים געווען צו איר געבעט.

די משפחה מיטגליד דארט איז דאך א טאפ פארטי פלענער.

"פארשטייסט?" ענדיגט צו מיין שכנ'טע, "היינט איז די בת מצוה פארטי פון די מיידל. די שטיין'ס האבן מסכים געווען מ'זאל ניצן זייער הערליכע פראפערטי, און מ'האט אראפגעברענגט די זון, די לבנה, מיט אלע שטערנס היינט, איר פרובירן פרייליך צו מאכן."

די בעסטע מתנה וואס עלטערן קענען געבן פאר קינדער איז א גאנצע שטוב, א שטוב וואס מען זאגט פאר קינדער וואס צו טון, א שטוב וואס ס'איז דא א פרייליכע לופט, און די עיקר- ווי טאטע און מאמע קוקן זיך אין די אויגן איינער די צווייטע.

דער היים ווערט די בעסטע מתנה. עס איז דא די טאטע- די זון, די מאמע- די לבנה, און די קינדער וואס שיינען און לייכטן ווי שטערן'ס!

"הייליגער באשעפער, העלף אז מיר זאלן קענען פרייליך מאכן אונזערע קינדער מיט די גרעסטע מתנה וואס מ'קען זיי נאר שענקען; טאטי און מאמי האבן זיך ליב, קוקן זיך אין די אויגן, בייגן זיך איין די קאפ איינער פאר'ן אנדערע, נאר פאר'ן אייבערשטנ'ס וועגן. העלף באשעפער אז מיר זאלן קענען פרייליך מאכן אונזער שטוב, אויפציען א דור געזונטע קינדער, מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, קוקן גוטס, זען גוטס, אויסלויבן די קינדער, זיי מחנך זיין, זאגן ניין ווען ס'פעלט אויס, און מאכן א פרייליכע פאזיטיווע לופט צו אטעמען אינדערהיים."

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**הייליגע באשעפער העלף איך זאל קענען פארן צום רבי'ן ראש השנה!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ק | ד | י | ז | ג | ע | ב | נ | ל |
| ז | ב | נ | י | ד | ר | ה | א | ט | ה |
| י | א | ו | נ | א | י | מ | י | ו | פ |
| י | ח | ת | פ | ו | ו | י | כ | י | ה |
| נ | נ | ה | י | נ | ר | י | ו | ד | י |
| ס | ע | י | ע | ב | א | א | פ | א | י |
| ט | ב | מ | י | ל | ל | כ | ה | ט | ל |
| ו | ע | פ | ע | ז | ו | צ | נ | ה | י |
| נ | מ | ר | ב | י | פ | ו | נ | ל | ג |
| ל | ו | ק | ע | ד | י | ג | ע | א | ע |
| ו | ג | ו | מ | צ | א | ע | ה | ט | ר |
| א | ו | מ | ע | ר | ו | ז | ק | ו | ח |
| ש | ת | ע | ח | א | ת | א | ד | ב | צ |
| ת | פ | נ | ר | י | ג | ג | צ | ה | י |
| ו | ד | ר | מ | כ | ס | ט | ל | א | ס |
| י | א | ל | ו | י | ל | ו | א | ת | ר |
| ת | ס | ו | ו | ט | כ | י | ו | א | מ |
| ח | ג | ר | נ | ט | ה | כ | י | ע | ה |
| ת | א | נ | ג | א | ז | מ | ד | ג | ל |
| ז | צ | ז | ת | י | ק | ו | נ | ע | נ |
| ס | ו | ל | ע | נ | ג | ק | נ | ל | ר |

דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און זאגן דעם תיקון הכללי, און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, "וועל איך מיך לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס נעמען פון שאול תחתיות"

*(עצתו אמונה מטו"א תשע"ח)*

# קינדער היים

טרעפליך:

## שכח אייבערשטער מיר האבן געקענט גיין נאך געלט ביים קאמפיין



יארצייט:

## הרה"ק מ'טאהש זי"ע



# דעם רבינ'ס חדר



## טרעף צו

**פון ווען הייבן אן די ספרד'ישע אידן צו זאגן סליחות?**

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

ווען מ'ענ'ס יארצייט איז ה' אב?

**דער הייליגער אר"י הקדוש**

## מילתא דבדיחותא

### פיצי מענטש

לכבוד חול המועד איז א איד אמאל געגאנגען כאפן א שפאצירל אויפן דאך פון אן אכציג שטאקיגער וואלקן קראצער אין מאנהעטן, ער איז געווארן פארגאפט זעענדיג די קליינע פיצי מענטשעלעך און פיצי קארעלעך ווי מורישקעס.

נאכן אראפקומען צוריק אויף די גאס טרעפט ער א אידל דארט און ער געבט אים א קלאפ אין רוקן "אה וואס מאכסטו עפעס?" דער איד קוקט אים אן, "מיר קענען זיך פון ערגעץ?" זאגט ער אים "וואס הייסט, איך געדענק נאך ווען דו ביסט געווען אזוי פיצי...!"

### נאך א מזל

נאך א ביטער הייסע טאג פון הונדערט דעגרי רופט זיך אן א איד "נאך א מזל עס האט נישט געשנייט היינט, שטעל דיך פאר איך דארף שארן די שניי אין אזא הייסע וועטער..."

## ספר המדות'ל

# אֲכִילָה

**י. מִי שֶׁנִּזְהָר מִמַּאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, הוּא נִצּוֹל מֵחַיּוֹת רָעוֹת.**

וֶוער עֶס גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ עֶסְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיוּת.

## בחידה טובה

**1. וועלכע צייט איז עס ווען די גרויסע שטעקן ביי א זייגער איז ביי די 12 און די קליינע שטעקן איז צווישן די 6 און די 7?**

**2. וועלכע שטיקל ביי תפילת שחרית האט יעדער אינזין? (נישט להלכה, נאר אין פאקט)**

**חידות און ענטפערס פון פאריגע וואך:**

1. ווי שטייט די ווארט יתרו אין שמונה עשרה?

**ועל כולם יתברך ו'יתרו'מם**

2. ווען קען אויסקומען אז א מענטש מעג נישט עסן קיין מילכיגס און נישט קיין פליישיגס, און ער מעג יא עסן פרווה?

**די ערשטע נאכט פון די 9 טעג. אויב ער עסט פארנאכטס פליישיגס. מילכיגס קען ער נישט עסן ווייל ס'איז נאך אין די 6 שעה און פליישיגס קען ער נישט עסן ווייל ס'איז שוין די 9 טעג.**

# יאָרצייט פון די וואך

דער הייליגער
## טאהש'ער רבי
זי"ע

יארצייט:
כ"ט אב

**דֶעם קוּמֶענְדִיגְן כ"ט אָב גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן טָאהשֶׁ'ער רֶבִּי'ן, רֶבִּי מְשׁוּלָּם פַייש בֶּן רֶבִּי מָרְדְכַי זי"ע.**

## הִיטְן דִי אוֹיגְן

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אוּנְז כְּסֵדֶר: וִויאַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק? וִויאַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְוַואקְסְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד? דוּרְךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן! וַוייל אַז מֶען הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן הָאט מֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ, מֶען קֶען טְרַאכְטְן הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן לִיבּ הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער טָאהשֶׁ'ער רֶבִּי זי"ע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעהִיטְן שׁוֹין פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל. עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף הֵיילִיגֶע אוּן עֶרְלִיכֶע זַאכְן

וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען פִיר יָאר אַלְט, הָאט אִים זַיין הֵיילִיגֶער זֵיידֶע אִים גֶערוּפְן לֶערְנֶען. דֶער זֵיידֶע הָאט גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער יוּנְגֶער פַיישְׁל קוּמְט נִישְׁט אָן. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוּן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן פֶּענְסְטֶער צוּ זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ.

עֶר הָאט דַאן גֶעזֶען אַז אוֹיף דִי טְרֶעפּ פוּן זַיין דִירָה זִיצְן עֶטְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן שְׁמוּעֶסְן. דֶער זֵיידֶע הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיין אֵיינִיקְל – כָאטְשׁ עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען בְּלוֹיז פִיר יָאר – הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרִיבֶּערְגֵיין צְוִוישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ. עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן.

דֶער זֵיידֶע אִיז דַאן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן מִיט זַיין שְׁטֶעקְן גֶעווּאוּנְקֶען פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ רוּקְן, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער אֵיינִיקְל אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען.

## בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אַז וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ"ס צִיט אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ הֵיילִיגֶע צוּרָה. אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעזֶען בַּיים טָאהשֶׁ'ער רֶבִּי'ן.

בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט אוּן אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה. וֶוען דִי נַאצִיס ימ"ש הָאבְּן זִיךְ דֶערְווּאוּסְט דֶערְפוּן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי וֶועלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין זַיין בַּארַאק (דָאס פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן) אוּן אִים דָארְט רח"ל הַרְגְ'עֶנֶען.

דִי שְׁלֶעכְטֶע עֶס-עֶס לַייט זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָבֶּער וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען זַיין הֵיילִיג פָּנִים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן.

זֵיי הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר הוֹיפְּט, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ "גֶעטְלִיכֶער מַלְאָךְ", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע מוֹרָא פוּן אִים.

פוּן יֶענֶעם טָאג אוּן וַוייטֶער הָאבְּן דִי נַאצִיס אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִין לַאגֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַן "אַפֶּעל"; דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִיסְטֶעם וואוּ יֶעדֶער אִיד הָאט גֶעמוּזְט קוּמֶען סֵיי אִינְדֶערְפְרִי אוּן סֵיי בַּיינַאכְט, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אִיבֶּערְצֵיילְן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אַנְטְלָאפְן.

אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם אַפֶּעל אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער; דִי רְשָׁעִים פְלֶעגְן אִים גֵיין זוּכְן, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אִיז דֶער סוֹף רוֹב מָאל גֶעוֶוען טוֹיט.

דֶער נַאצִי הָאט שׁוֹין גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אִיד "מְשׁוּלָּם פַייש" קוּמְט נִישְׁט צוּם אַפֶּעל וַוייל עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין

אַײנְגֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַ הֵײלִיגֶער מֶענְטְשׁ; דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט.

אֵײן טָאג אִיז דֶער הוֹיפְּט-אָפִּיצִיר אָנְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעצֵײלְט דִי אִידְן. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער טָאהשֶׁ'ער רֶבִּי פֶעלְט אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר דַאוֶוענְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן וִוילְד. עֶר אִיז אַלֵײן אַרַײנְגֶעלָאפְן אִין בַּארַאק אוּן מִיט רְצִיחָה גֶעשְׁרִיגְן צוּם הֵײלִיגְן צַדִיק אַז עֶר זָאל זִיךְ שׁוֹין שְׁטֶעלְן פַאר אִים. מִיט כַּעַס אוּן רִשְׁעוּת הָאט עֶר אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט אוּן גֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן, כְּדֵי יֶעדֶער זָאל אִים זֶען.

עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּ אַלֶע אִידְן: "יֶעצְט וֶועט אִיר זֶען וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט אַ 'זְשִׁיד' (וִוי דִי דַײטְשְׁן פְלֶעגְן רוּפְן אַ אִיד) וָואס פָאלְגְט נִישְׁט, וָואס מֵײנְט אַז מֶען קֶען דָא דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען..."

מִיט אַ כַּעַס הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע, וִוילְדֶע פֶערְד אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמַײס פַארְן פֶערְד, אַז עֶר זָאל לוֹיפְן גְרָאד אוֹיפְן צַדִיק. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ צִיל אִים צוּ הַרְגְ'עֶנֶען.

דֶער פֶערְד הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן גְרָאד צוּם צַדִיק. אוֹיפְן צַדִיק הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְקֶענְט קַײן שׁוּם פַּחַד. עֶר שְׁטֵײט מִיט דִי אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן בֶּעט דֶעם אֵײבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ, בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ!"

אוּן פְּלוּצְלִינְג... יֶעדֶער שְׁטֵײט אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן... זֵײ וִוילְן נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶס גֵײט יֶעצְט פַּאסִירְן מִיט דֶעם צַדִיק... אוּן זֵײ הֶערְן אַ קְרַאךְ!

דָאס פֶערְד הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ דְרֵײ



דער הייליגער
## טאהש׳ער רבי
זי״ע

יארצייט:
כ״ט אב

# יאָרצייט
## פון אב

אויס, און דער רשע, דער אפיציר, האט אַראָפּגעטראַסקעט אויף דער ערד און זיך צעבראָכן די ביינער מיט גרויסע בושות.

אָבער דער רשע איז נישט פאַרטיג געוואָרן; עס האט אים נישט געפאַסט דער דורכפאַל. ער האט זיך אויפגעשטעלט טראָץ זיינע יסורים און געשריגן מיט צאָרן: "איך וועל אים הרג׳ענען! עטס וועטס זען!"

ווידער האט ער געשמיסן דאס פערד, און נאָכאַמאָל איז דאס פערד געלאָפן צום צדיק. אָבער דאסמאָל האט דאס פערד זיך אויסגעדרייט, און ער האט אַראָפּגעטראַסקעט אין אַ באַרג אַריין צו זיין אייביגן סוף! כן יאבדו כל אויביך השם - אַזוי זאל געשען צו אלע רשעים און שלעכטע גוים.

דער אייבערשטער היט אויף אידישע קינדער און אויף זיינע צדיקים, און די שלעכטע גוים קענען אונז נישט טון קיין שלעכטס. אַז אַ איד וויל דינען דעם אייבערשטן, העלפט מען אים אַרויס פון הימל.

## אותיות מאַכן הייליג

אַ איד פון שיקאַגאָ האט דערציילט וויאַזוי דער טאהשער רבי האט אים צוריקגעברענגט צו אמונה. איינמאָל איז ער געפאָרן אינטערוועגנס מיט אַ פליגער, און פלוצלינג האט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע שטורעם און דער פליגער האט זיך געמוזט אָפּשטעלן אין קאַנאַדע.

ווי נאָר דער פליגער האט געלאַנדעט און דער איד איז אַרויס פונעם עירפּאָרט, זעט ער צוויי חסידישע אידן וואַרטן אויף אים. זיי קומען צו צו אים און זאָגן אים אַז דער טאהשער רבי רופט אים.

דער איד איז זייער דערשראָקן און פאַרוואונדערט געוואָרן דאס צו הערן, ווייל קיינער אויף דער וועלט האט נישט געוואוסט אַז ער געפינט זיך דאָ, ניטאַמאָל זיין ווייב.

מיט ציטער איז ער געגאַנגען מיט זיי. זיי זענען אַריינגעקומען צום טאהשער רבי׳ן, און דער רבי האט געפרעגט דעם איד:

"וואָס פעלט דיר?"

האט דער איד געזאָגט: "רבי, גאָרנישט פעלט מיר. איך בין אַ גרויסער דאָקטער, איך האָב אַסאך געלט, אויך אַ ווייב און קינדער האָב איך; עס פעלט מיר גאָרנישט."

דער טאהשער רבי מיט זיינע הייליגע אויגן האט אַריינגעקוקט אין די נשמה פון דעם איד און אים ווידער געפרעגט: "זאָג מיר, וואָס פעלט דיר?"

דאס מאָל האט דער איד אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און דערציילט, אַז לעצטנס האט ער אָנגעהויבן לערנען ספרים פון פילאָזאָפיע – וואָס ווי באַקאַנט ביי אונז חסידי ברסלב האט דער הייליגער רבי גאָר אַסאך גערעדט איבער די סכנה דערפון און אונז אָנגעזאָגט צו שטיין ווייט פון די ספרים.

דער איד האט דערציילט אַז זייט ער לערנט די ספרים איז זיין אמונה גאָר שוואַך געוואָרן, און דאס פעלט אים... אמונה!

דער טאהשער רבי האט אים דאן געגעבן זיין סידור און אים געזאָגט: "קוק אַריין אין די הייליגע ווערטער בשעת׳ן דאַווענען, די אותיות וועלן דיך מטהר זיין (הייליג מאַכן)."

דער איד האט טאַקע אַזוי געטון און איז געוואָרן אַ בעל תשובה.

שפּעטער איז ער אַמאָל געקומען צום טאהשער רבי׳ן און ער האט געוואָלט צוריקגעבן דעם סידור, ווייל ער האט געשפּירט ווי ער איז שוין אויסגעהיילט פון יענע עבירה, אָבער דער רבי האט אים געזאָגט אַז ער זאָל דאס האַלטן; עס וועט אים זיין פאַר אַ שמירה.

די הייליגע אותיות מאַכן הייליג אַ מענטש.

לאָמיר בעטן דעם אייבערשטן אַז מיר זאָלן נאָר לערנען און דאַווענען אַזוי ווי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט; דורך קוקן אין די הייליגע אותיות וועלן מיר ווערן גרויסע צדיקים.

**זכותו יגן עלינו.**

# שיחה אין בילד

**טרעף צו וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט זיך דעם בילד**





**ענטפער פון פאריגע וואך:** אפילו ווען מ'פאלט אריין אין א בלאטע פון שמוץ, שרייט מען און מע שרייט און מע שרייט!

# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## שְׁפִּילְן מִיט שְׁכֵנִים

הֶענְדִי דֶערְצֵיילְט

"הֶענְדִי," הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעפְרֶעגְט אֵיין טָאג, "דִי וֶועטֶער אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, פַארְוָואס שְׁפִּילְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס?"

"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס," הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט.

מַיין מַאמֶע הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט צְוֵויי פַארְוואוּנְדֶערְטֶע אוֹיגְן אוּן גֶעפְרֶעגְט, "וָואס אִיז מִיט רִבְקִי?"

"אָהּ, רִבְקִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים."

"אוּן וָואס אִיז מִיט דִינָה?" הָאט מַיין מַאמֶע וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט.

"אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט דִינָה," הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"דֶעמָאלְטְס גֵיי שְׁפִּיל מִיט אֶסְתִּי קָאהן, זִי אִיז נָאר אֵיין יָאר עֶלְטֶער וִוי דִיר."

בִּשְׁעַת מַיין מַאמֶע הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר, גֶעבְּט זִי אַ קוּק אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער אוּן רוּפְט זִיךְ אָן, "קוּק הֶענְדִי, זֵיי אַלֶע שְׁפִּילְן זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין דָארְט, קֶענְסְט גֵיין שְׁפִּילְן מִיט זֵיי."

"נֵיין, אִיךְ וִויל נִישְׁט!"

אָבֶּער פַארְוָואס נִישְׁט? הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט שְׁטִילֶערְהֵייט. אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן. אֶפְשָׁר שֶׁעם אִיךְ זִיךְ? פַארְוָואס טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נָאר שְׁפִּילְן מִיט רִבְקִי?

מַיין מַאמֶע הָאט בַּאמֶערְקְט אַז אִיךְ טְרַאכְט עֶפֶּעס, אוּן מִיר גֶעזָאגְט, "הֶענְדִי! עֶס קֶען זַיין אַז וֶוען מֶען וִויל מַאכְן אַ נַייעֶ חַבֶרְ'טֶע, אִיז עֶס נִישְׁט בַּאקְוֶועם דִי עֶרְשְׁטֶע פָאר מָאל וָואס מֶען שְׁפִּילְט. אָבֶּער אוֹיבּ דוּ שְׁמֵייכְלְסְט, וֶועט דַיין חַבֶרְ'טֶע צוּרִיק שְׁמֵייכְלֶען. אוֹיבּ דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין, וֶועט דַיין חַבֶרְ'טֶע צוּרִיק רֶעדְן שֵׁיין. אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט סְתַּם שְׁטֵיין אוּן קוּקְן אוֹיף דַיין חַבֶרְ'טֶע, וֶועט זִי נִישְׁט וִויסְן בִּכְלַל אַז דוּ ווִילְסְט שְׁפִּילְן מִיט אִיר. זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ טְרַאכְסְט".

"אָבֶּער מַאמִי," הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, "אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק!"

"עֶס קֶען טַאקֶע זַיין, הֶענְדִי, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען שֶׁעמְט זִיךְ, בְּלַייבְּט מֶען אָן חַבֶרְ'טֶעס".

"הֶענְדִי," הָאט מַיין מַאמֶע וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "אֶפְשָׁר הָאסְטוּ אַ גוּטֶע עֵצָה דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַזוֹי שֶׁעמֶעדִיג?"

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ לֶערְן



ח. צ. גליק

אִין בֵּית פִּיגָא, וואוּ מִיר לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים. אַוַודַאי הָאבּ אִיךְ אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן אוֹיס שֶׁעמֶעדִיג. וִויאַזוֹי הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם פְּרִיעֶר? אִיךְ בִּין צוּגֶעלָאפְן צוּ דִי פּוּשְׁקֶע אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ פֶּענִי. דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ זַייט אוּן עֶס אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַ שֶׁעמֶעדִיגֶע. וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע, ווָאוֹילֶע שְׁכֵנִים וָואס זֶענֶען אִין מַיין עֶלְטֶער, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיל זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי. אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן זֵיי. אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא וָואס זֵיי וֶועלְן טְרַאכְטְן וֶועגְן מִיר? אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַּארְוָואס, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אוּן הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט אַזוֹיפִיל טְרַאכְטְן וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן וֶועגְן מִיר. אִיךְ וִויל שׁוֹין קֶענֶען שְׁפִּילְן מִיט מֶער קִינְדֶער".

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעשֶׁען אָנְהֵייבּ זוּמֶער. וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק? אִיךְ בִּין גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן שְׁפִּילְן מִיט זֵיי? עֶה? אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ גֶעפִּילְט.

אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, אַז צוּזַאמֶען מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן פַאר גֶעדוּלְד.

מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד בִּיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען שְׁפִּילְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט זַיין דִי מֵיידְל וָואס שְׁטֵייט אַ גַאנְצֶע צַייט נֶעבְּן אִיר מַאמֶע.

עֶנְק וֵייסְן פַּארְוָואס אִיךְ דֶערְצֵייל עֶנְק דִי מַעֲשֶׂה? וַוייל יֶעצְט אִיז שׁוֹין רוֹב זוּמֶער אַרִיבֶּער, אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס מִיט מִיר.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז אָנְהֵייבּ וָואךְ הָאבּ אִיךְ פְּלוּצְלִינְג בַּאקוּמֶען כֹּחַ, אוּן אִיךְ בִּין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט וִוי מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ שְׁפִּיל זִיךְ בְּאַחְדוּת'דִיג אוּן אִיךְ רֶעד שֵׁיין צוּ מַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס, שְׁפִּילְן זֵיי אוֹיךְ בְּאַחְדוּת'דִיג אוּן זֵיי רֶעדְן שֵׁיין צוּ מִיר.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֶרְלִיכֶע חַבֶרְ'טֶעס וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם.



# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער













שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיים קַאמְפֵּיין

געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# מיט תפילה






געמאלן דורך: **ח. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון "קול ברסלב" האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.



2
דער בעל בטחון
אין קורצן פון פריער.
דער קעניג לאזט זיך אַרויס נאָכצוזוכן, אויב איז דאָ איינער פרייליכער פון אים.
דער קעניג לאָזט זיך אַרויס אויף די גאַסן אונטערצוזוכן, אויב אֶפְשַׁר איז דאָ איינער וואס איז פריילעכער פון אים.
קיינער איז נישט פרייליך... לאמיר זען אֶפְשַׁר דעם הויז דאָ...
אוי וויי! דער טאטע שלאגט זיין קינד, ער איז זיכער נישט קיין פרייליכער מענטש...
בום!
לאמיר פרובירן נאך א הויז, אֶפְשַׁר דאך איז פאַרהאַן א פרייליכער מענטש דארט...
די מאמע שרייט גאר אויף דעם טאטע?... דא איז זיכער נישט קיין פרייליכע הויז...
איך זע גוט? דארט ביים עק שטאט קומט אַרויס א ליכטיגקייט פון דעם אַלטן כאטקע. וואס גייט דארט פאר?
ליינט ווייטער קומענדיגע וואך אי"ה.

# אונזער הצלחה איז זייערס

מיט הארץ

נשי חיל קאמפיין תשפ"ו

**אין א צייט ווען נשי חיל טוט דורכברעכן היסטאריע אין סוקסעס,
ווערט אפגעגעבן דעם יישר כח פאר אונזערע געטרייע קאונסלערס
פארן אריינלייגן אזוי פיל כוחות אין אונזער הצלחה. אבער מיט הארץ.**

Sury Feldman | Surala Fisch | Miriam Vorst | Gitty Braun | Yenty Weberman | Sarala Heszkel | Gitty Jacobovitch | Devorah S. Appeldorfer | Ruchy Eckstein | Blimy Farkas | Sury Rabinowitz | Shevy Itzkowitz | Sary Fisch | Fraidy Appeldorfer | Devoiry Rubinstein